גריסט אייך צום 15־יעריקן יובל פון בית־יע

ער[illegible]
נומער פון
15
יאָרגאַנג

# בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפטן פאַר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פוילן
רעדאַגירט דורך אַ״ג פרידנזאָן

לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ב״ה מרחשון תרצ״ח | נומער 145 | פיפצנטער יאָרגאַנג

15 יאָר בית־יעקב־זשורנאַל

# צו אַ נייער תקופה

ווען מיר זאָלן צוגיין צו אייער־אונדזער זאַך, בית־יעקב־זשורנאַל, יעצט אינים פיפצנטן יאָר מיט ניכטערע חושים און טרוקינע חשבונות, וואָלטן מיר גימוזט קומען צו זייער פריקרע מסקנות, און זיך אונטערוואַרפן די האַרטע ווירקלעכקייט...

בלויז דער סך־הכל פון דער באַציאונג צו די ב״י־בלעטער אין פריערדיקן יאָר וואָלט אַנדערע אויף אונדזער אָרט גימאַכט אַזוי אַפּהענגיק, אַז ס׳וואָלט גימוזט קומען דער אַנטגילטיקער אויסגישריי: גינוג! ווען ס׳קען מעגלעך זיין, אַז אין צענטליקער שטעט וואו ס׳עקזיסטירן ב״י־שולן און בנות־גרופּעס, קימערט זיך קיינער נישט וועגן פאַרשפּרייטן אַפילו די מינימאַלסטע צאָל עקז. איז אפשר שוין גיקומען די צייט אָפּצושטיין און צו־וואָס מאַטערן זיך און אַנדערע...

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז אין פיל פון די ערטער גיפינען זיך אַזעלכע, וואָס ב״י גיט זיי מער־ווייניקער חיונה און מאַטעריעלן קיום. ביי קיין שום פּאַרטיי אָדער שול־באַוועגונג וואָלט אַזעלכיס נישט גידולדיט גיוואָרן. די שאַרפסטע סאַנקציעס וואָלטן אַנגיווענדיט גיוואָרן פאַר אַזאַ פוילקייט און פאַרבּרעכערישן אומדיפערענטיזם. קיין שום אויסריידן און פאַרענטפערנישן האָבן דאָ נישט קיין אָרט. ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער רשימה פון שטעט און שטעטלעך, זענען די קאָנטראַסטן אַזוי בולט און שרייעריש, דאָס ס׳בלייבט נישט איבער דער קלענצטער כּף־זכות. נישט אָרימקייט און דער גיקוועלטער מאַטעריעלער מצב איז ביי אַזעלכע גראַשנדיקע סכומים דער גורם. למאי זעען מיר אין קליינע שטעטלעך, וואו אַפילו דער מאַטעריעלער מצב פון דער אָרטיקער שול שטייט יעדן טאָג אין סכנה, און דאָך פאַר ב״י־זשורנאַל ווי בכלל פאַר דער ב״י־ליטעראַטור אַרבּיט די לערערן מיט פלייס און גיטריישאַפט. ס׳שטעכן פּשוט אויס די אויגן אַזעלכע שטעט, וואו ס׳קען פיל דערגרייכט ווערן און קיין שום רופן און אַפּעלן ווירקן נישט ס׳זאָל דאָרטן עפּיס גיטון ווערן. ס׳ווערן פאַרשוויגן אַלע דירעקטע און אומדירעקטע ווענדונגען אויף אַן־אומדערהערטן אופן.

וואָלט דער טיראַזש פון אונדזערע ב״י־בלעטער גיווען גינוג צו קענען דערהאַלטן זייער קיום, וואָלטן מיר אפשר פאַרשפּאָרט די רייד און מוחל גיווען די אַלע אומדיפירענטע און גלייכגילטיקע פאַר דעם חטא וואָס זיי באַגיין טאַקי לגבי זיך אַליין. די צרה א׳ז אָבער, וואָס די באַציאונג פון די וועלכע מיר האָבן דאָס מאָראַלישע רעכט פון זיי צו פאָדערן אַן־אַנדערע האַנדלונג, בינט אונדז די הענט און ווירקט פאַטאַל.

אין אַזעלכע שטימונגען, ביי אַזאַ ענג־גיקוועלטן מצב אָנצוהייבן די אַרבּיט אויפן פיפצנטן יאָר, איז ווי שוין גיזאָגט, ניכטער־אויסגירעכנט כּמעט אַן־אומעגלעכקייט. פיל פיל גיוואָגטקייט מוז מען האָבן ביי דעם אַלעמען נישט צו פאַלן און נישט צו רעזיגנירן.

מיר פאַרמאַכן אָבער אונדזערע אויגן און לאָזן זיך פון דעם אַלעם נישט מיטרייסן. אָן מאַטעריעלע חשבונות און אָן ניכטערער איבערגילייגטקייט, באַטראַכטן מיר דאָס פיפצנטע יאָר פון אונדזער טעטיקייט. דאָס גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות, וואָס מיר האָבן אַליין פרייוויליק אויף זיך גינומען מיט מ׳ט 15 יאָר צוריק קענען מיר נישט אויפגעבן. מיר וועלן נישט אויסשטעלן למשל ולשנינה אַזאַ באַוועגונג ווי ב״י און בנות און דערלאָזן אַז נאָך אַזוי־פיל יאָרן זאָל ביי איר אָפּגינומען ווערן דאָס לשון... זאָלן האָבן אויך זייער גיוויסן די אַלע וואָס דערפילן נישט זייער התחייבות, און מיר, וועלכע האָבן די ערשטע יסודות פון ב״י גילייגט און ביים בויען דאָס בנין היינטערגישטעלט דעם רוקן אונטער יעדן ציגל־שיכט, וועלן בע״ה נישט לאָזן זיך צוזאַמענברעכן פון כּל־ערליי נסיונות ווי שווער זיי זאָלן נישט זיין.

מיר זענען זיך צו טיף באַוואוסט ווי ווייט מיר זענען נאָך פונים זיך גישטעלטן ציל. אַזוי גוט ווי מיט 15 יאָר צוריק בעת מע האָט אונדז אויסגילאַכט, אָפּגיחוזקט, [illegible] אויף אונדז ווי אויף אוטאָפּיסטן, און מיר האָבן זיך נישט פאַרלוירן, אַזוי האָפן מיר אויך אין דער נייער תקופה צו שטעלן גיזונטע טריט און אַריבערגיין בשלום אַלע מכשולים.

די ב״י־בלעטער שטייען אין דינסט פון גרויסע אידעאישע, קולטורעל־דערציערישע און סאָציאַל־גיזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן. ב״י־שולן, בנות־אָרגאַניזאַציעס, די יוגנט, די יידישע פרוי, דאָס אַגודיסטישע לעבן, באַדאַרף און מוז האָבן דאָס בית־יעקב־זשורנאַל! נאָר דאָס ווייטערע און טאַקי אָפטערע דערשיינען פון זשורנאַל, קען אויך ענדלעך צוהעלפן די שאַפונג פון אַ ליטעראַטור.

מיר האָבן די דאָזיקע הכּרה אין די טיפענישן פון אונדזער גאַנצן מהות, און ווייל מיר גלייבן, אַז נאָך איינצלנע, ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זיין, ערלעכע און גיוויסנהאַפטע האָבן די זעלבע הכּרה הייבן מיר אָן מיט באַנייטער ענערגיע גאָר צו פאַרטאָפּלען די אַרבּיט אויפן פיפצנטן יאָר. שוין אין נאָענטן חודש כּסלו וועט ב״י־זשורנאַל דערשיינען יעדע צווייטע וואָך. דאָס פאַרטאָפּלען פונים ב״י־זשורנאַל מוז ווערן אַ סיגנאַל צו פאַרטאָפּלען די ב״י און בנות־טעטיקייט בכלל אויף אַלע פראָנטן.

מיר וועלן אויפסניי אַרויסרופן די שעפערישע כּוחות אומיטום, מיר וועלן נישט לאָזן רוען אין אַ סטאַטישן מצב אונדזער באַוועגונג, מיר וועלן נישט דערלאָזן פאַרשוועכן די דערהויבּינע מאָמענטן פונים בנות־קאָנגרעס, די באַשלוסן פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן כּינוס מוזן באַקומען אויף זיך הויט און ביינער. ס׳מוז באַוויזן ווערן, אַז דער קאָנגרעס איז נישט גיווען קיין פוילע דעמאָנסטראַציע. די וואָס וועלן דאָס נישט וועלן פאַרשטיין און וועלן זיך מתרשל זיין, וועט איבער זיי אַריבערגיין דאָס ראָד פון דער גישיכטע און זיי וועלן בלייבן פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. אַזעלכע וועלן זיך האָבן אַרויסגיוויזן נישט דערוואַקסן צו זיין טעטיק אין אונדזער געזעלשאַפט. מיר האָפן, אַז עס וועט אָפּגיפרישט ווערן אין זכּרון פון אַלע גיטרייע צו אונדזער רעיון, די פייערדיקע קולות פון דער אומפאַרגעסלעכער פרוי שענירער ע״ה, וואָס זי פלעג לאָזן הערן אין אונדזער מחנה כּמעט ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן וועגן די פליכטן פון אַלע צום ב״י־זשורנאַל.

מיר דערוואַרטן דעם תּיקון פון די אַלע וואָס האָבן ביז יעצט גישאָדנט אונדזער־זייער זאַך צוליב זייער גלייכגילטיקייט און דיסציפּלין־לאָזיקייט. אין די ערטער וואו ביז יעצט האָט גיהערשט פּאַסיווקייט און איגנאָראַנץ צו אַזאַ וויכטיקן פאַקטאָר ווי ס׳איז די איינציקע ב״י־טריבונע וועט ענדלעך קומען צו באַוועגונג, וואָס וועט פירן צו אַן־אינטענסיווער אָבאָנענטן־אַקציע און כסדרדיקע, זאָרג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אונדזער גידרוקט וואָרט.

וואָס נאָר ס׳איז אָפּהענגיק אין אונדז, וועט גיטון ווערן מיט אַלע כּוחות, אַז דאָס פיפצנטע יאָר זאָל זיין אַ שעפעריש־פּראָדוקטיווע תקופה פאַר אונדזערע אידעאַלן — און מיר גלייבן נאָך אַלץ אַז מיר וועלן נישט אַנטוישט ווערן !!!

* * *

# בית־יעקב אויף דער דריטער כנסי' גדולה

## פון הרב ב. וו. יאַקאבסאן

**תמיד** זצט מין אין יומטובדיקע טעג אַלץ פריידיק און פייערלעך, צום שבח פון דער כנסי' גדולה מוז מין זאָגן, אַז די פרייד און פייערלעכקייט האט גאָרנישט גישטערט צו קוקן גלייך אין פנים דעם פאַקטישן מצב אויף יעדן גיביט, און אַלע באַריכטן איז איבערגיגעבן גיווארן דער באַשטאַנד ווי ער איז באמת און נישט נאר ווי מע שטרעבט עס זאל זיין. דאָס נישט פאַרהוילן די מאַנגלין און נישט דערגרייכטע מעשים איז גיוועזן פאַר דער כנסי' אַ גרויסע מעלה. אויך בנוגע ב"י איז גיוועזן דער זעלבער צוגאַנג, אַלס רעפערענט פון דער וועלט־צענטראַלע ב"י האָב איך נישט צופיל באַשיינט דעם באַריכט און זיך גיהאַלטן ווייט פון מגזם זיין איבער דעם פאַקטישן מצב. פון דעסט וועגן איז מצד דער כנסי' גיווארן אויפגינומען די ב"י אַרביט מיט אָנערקענונג.

איך שרייב מיר לחלוטין נישט צו דעם וואוקס און אויפשטייג פון ב"י, שרה שענירער און שמואל דייטשלענדער ע"ה בלייבן אויף אייביק די וועלכע ב"י האט צו גידענקין. זייערע נעמין בלייבן אויף אייביק גיבונדן מיט דער ברכה וואָס באַגלייט די ב"י זאַך.

אין דעם נידרוקטן באַריכט וואָס איז צוגישטעלט גיווארן דער דריטער כנסי' גדולה אונטערן נאָמין „פראגראם און לייסטונג פון קרן־התורה און בית־יעקב 1929—1937“ (צוזאַמינגישטעלט דורך אוריאל בירנבוים) פאַרנעמט ב"י דאָס ברייטסטע ארט, דער דאזיקער באַריכט גיט איבער אַלע פאַזן פון דער ב"י באַוועגונג און ווערט דערגענצט מיט דעם ספּעציעלן באַריכט פון דער קראָקעווער ב"י צענטראַלע, וועלכער ווייזט באַזונדערס אָן אויף דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון די ב"י שולן אין פוילן, דער קראָקעווער באַריכט איז אונטערגישריבן פון מ. דייטשער און י"ל ארלעאן, וועמין די ב"י באַוועגונג האט פיל צו פאַרדאַנקין.

וואָס עס איז שוין גיטון גיווארן באַווייזן בולט די דערמאַנטע באַריכט, און יעדער וואָס ב"י איז אים נאָנט דאַרף זיך מיט די באַריכטן באַקענין (ביי אונדז קלאָגט מען זיך אָפט אינים מאַנגל אין באַריכטן און ווען אַזעלכע דערשיינין לייענט מין זיי צומאָלט נישט...) וואָס אָבער עס פעלט און מוז ווייטער גיטון ווערן, דאָס האט אָנגיצייכנט די כנסי' גדולה. די החלטות פון דער כנסי' זענין ריכטליניעס פאַר אונדזער ווייטערער אַרביט, וועט מין האָבן אין אויג די התחייבותן וואָס די כנסי' האט אויף אונדז אַרויפגילייגט וועלן מיר ברענגין ב"י צו פאַרשטאַרקונג און אויפשטייג.

לאָמיר דאָ פאַרצייכינין די וויכטיקסטע החלטות פון דער כנסי' וואָס נוגע דער ווייטערער אַרביט פון בית־יעקב.

די כנסי' גדולה האט באַשלאָסן, אַז אין לאָנדאָן זאל זיך גיפונין די וועלט־צענטראַלע ב"י און אַז אויך אין יעדן לאַנד זאָלן די ב"י שולן צענטראַליזירט ווערן מיט אַ מרכז אין דער שפּיץ, אין דער לאָנדאָנער צענטראַלע וועלן אַלע לאַנד־צענטראַליס זיין פאַרטרעטן מיט זייערע פאַרשטייער. פון גרויס וויכטיקייט איז אויך דער באַשלוס, אַז די שול וועלכע איז נישט אָנגישלאָסן אין דער צענטראַלע קען זיך נישט רופן מיטן נאָמין בית־יעקב, די פאַרשטייער פון די לאַנד־צענטראַליס צוזאַמין מיט דער לאָנדאָנער צענטראַלע בילדן דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער ב"י באַוועגונג וועלכער קומט זיך צונויף לכה"פ איינמאָל אין יאָר יעדיס מאָל אין אַנ'אַנדערן בית־יעקב־צענטער.

אין פּעדאַגאָגישער הינזיכט איז פון גרויס חשיבות דער באַשלוס וועגן אַ פּעדאַגאָגישן בייראַט צו וועלכן ס'וועלן גיהערן אַחוץ די לייטערס פון סעמינאַרן אַ ריי אָנערקענטע פּעדאַגאָגן.

פאַך און האַנדל־אויסבילדונג איז אַקצענטירט גיוואָרן אַלס דרינגענדע אויפגאַבע פון ב"י אין דער יעצטיקער שעה, די וועלט־צענטראַלע איז אויפגיפאָדערט גיווארן ערנצט צו זארגן פאַרן קיום פון „אהל שרה“ אין לאָדזש און צו שענקין אויפמערקזאַמקייט די האַנדלס־גימנאַזיע ב"י אין וואַרשע.

נעבן דער עקזיסטענץ אַרביט פון ב"י איז צוגיקומין די זארג פאַר היגיענע און גיזונט פון ב"י קינד, צו שאַפן מיטלין פאַר באַשפּייזונג, גיזונטהייט־פלעגע זומער־קאָלאָניעס אא"וו. אַ באַזונדערע התחייבות איז אויף אונדז אַרויפגילייגט גיוואָרן, וואָס נוגע דעם אויסבוי פון דער „יהודית“—סאַנאַטאָריע אין דלוגאשאַדלע. די פראַגע וועגן פּאַסיקער יוגנט־ליטעראַטור און לערן־ביכער אין פאַרשידענע לשונות האט פאַרנומען אַ גרויס ארט אין די קאַמיסיעס פון ב"י פון קרן־התורה, דער ב"י פאַרלאַג אין לאָדזש איז מיט אָנערקענונג אויפגינומען גיוואָרן פאַר זיינע דרייסטע התחלות, די צענטראַלע איז אויפגיפאָדערט גיווארן דעם פאַרלאַג צו שטיצן און אויסבויען, כדי די נייטיקע ליטעראַטור פאַר אונדזער יוגנט זאל קענין דערשיינין אין אַ ברייטן פאַרנעם.

בנוגע אר"י האט די כנ"ג נישט בלויז זיך באַשעפטיקט מיט די גישיכטלעך־פּאָליטישע ענינים און די ברענינדיקע פראַגן פון פּא"י, ס'האט זיך אַרויסגיוויזן, אַז אויך ב"י אין אר"י פאָדערט פיל אויפמערקזאַמקייט. ב"י אין אר"י ווערט איינגישלאָסן אין דער וועלט־באַוועגונג ב"י. די צענטראַלע איז אויפגיפאָדערט גיוואָרן צו אַנגאַזשירן אַ ב"י פּערזענלעכקייט פון פוילן, אַלס אינספּעקטאָר פון די ב"י שולן אין הייליקן לאַנד.

מיט גרויס פרייד האט אויפגינומען די כנסי' גדולה די גוטע בשורות פונים וואוקס און פאַרברייטערונג פון בנות־גידאַנק אַלס שוץ פאַרן נאָכוואוקס פון ב"י. די כנסי' האט דערמיט אויסגידרוקט איר אָנערקענונג פאַר „בנות“ וואָס די ב"י צענטראַלע איז אויפגיפאָדערט גיווארן ברייט צו שטיצן די דערציערישע און קולטורעלע הצטרכותן פון „בנות“.

עס איז אויך נאָך אַמאָל מיט אַ באַזונדערן נאָכדרוק באַטאָנט גיווארן, אַז ס'מוז שוין ענדלעך פאַרווירקלעכט ווערן די שאַפונג פון אַ שטענדיקן שול־אינספּעקטאָריאַט. פאַרשטייט זיך, אַז די כ"ג האט נישט פאַרגעסן צו דערמאַנין, אַז בכדי די ב"י צענטראַלע זאל קענין דערפילן אירע גרויסע אויפגאַבן מוז זי פון אַלע לענדער און קרייזן גישטיצט ווערן פיל מער ווי ביז יעצט.

אין דעם נעבן־זאַל פון דער כנסי' איז פאָרגיקומין די אַגודיסטישע פרויען־קאָנפערענץ, די נאָנטקייט פון לאָקאַל איז גיוועזן אַ סימבאָל פאַר דער גייסטיקער נאָנטקייט, אין ביידע זאַלן האט מין ערנצט גיזאָרגט וועגן דעם קיום פון אונדזער פאָלק. סיי דאָ סיי דא־ט האט זיך גיהערט די האַרבע פראַגע: וואָס זאל גישען מיט אונדזער יונגין דור? די ב"י־צענטראַלע דערוואַרט פיל פון אַגודיסטישער פרוי און האפט אַז זי וועט זיך שטעלן אין דינסט פון ב"י מיטן גאַנצן ברען פון איר נשמה. די זארג פאַרן חינוך פון די יידישע טעכטער וועט מער ווי ביז יעצט באַשעפטיקן די יידישע מוטער.

די פרוי וואָס גיהער צו דער אַגודיסטישער מחנה מוז פאַר אַלים באַוואַכן זיך אַליין, און געבן דאָס אייגינע קינד אַ תורהדיקן יידישן חינוך דורכן שיקן עס אין אַ רעליגיעזער שול. ווען די כנסי' האט גימוזט באַשליסן, דאָס דער אַגודיסט וועלכער שיקט נישט זיין קינד אין אַ רעליגיעזער שול קען נישט פאַרנעמין קיין שום אַמט אין אַגודת־ישראל באַווייזט לײדער, אַז אויך אין דער ריכטונג מוז מין פיל ווירקן. כ'האָב גיהאַט דעם כבוד אין די צוויי וויכטיקע חינוך־קאָמיסיעס טעטיק צו זיין, סיי אין דער קרן־התורה־קאָמיסיע סיי אין דער ב"י־קאָמיסיע האָבן מיר גיזען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן שטייען אין דינסט פון אונדזער חינוך־אַרביט. גרויסע תלמידי־חכמים, אָנערקענטע פּעדאַגאָגן און וויכטיקע עסקנים אַרביטן מיט אונדז צוזאַמין.

כסדר האט מין גיהערט „דאָס יידישע קינד“. דאָס יונגע דור זאל מין דערציען און דערהאַלטן אין יידישן גייסט! דאָס איז גיוועזן די הויכע לאָזונג, אין ביידע קאָמיסיעס האט מין זיך מתווכח גיוועזן איבער די העכסטע ענינים פון תורהדיקן חינוך און גיהערט שטאַרקע ווערטער, דער סך־הכל פון אַלע תביעות און נויטן איז אָבער אָפּהענגיק אין שאַפן די מיטלין, פשוט: געלט! זאָלן נאר די וואָס קענין אונדז געבן די נייטיקע געלט־מיטלין, עס האַנדלט זיך נישט אין אויסערגיוויינלעכע קאַפּיטאַלן, זאָלן נאר אונדזערע נדבנים זיך באַשטייערן מיט שטענדיקע אָפּצאָלן, אַ קליין ביסעלע בלויז זיך אָנשטרענגען, און אונדזער חינוך־ווערק וועט בע"ה בליען און וואַקסן.

די פראַגע איז זייער ערנצט: צי זאָלן די באַשלוסן פון דער כנסי' וועגן ב"י בלייבן אויפן פּאַפּיר און חלילה ווערן אויסגילאַכט פון דער יידישער וועלט צוליב אונדזער אָפּהענדיקייט? דער ענטפער פונים גאַנצן אַגודיסטישן כלל מוז זיין: די החלטות פון דער כנסי'־גדולה מוזן ווערן פאַרווירקלעכט און דאַן וועט מיט אונדז מיטאַרביטן די גאַנצע יידישע וועלט!

אַלץ הענגט אָפּ פון אונדז אַליין, פון אונדזער רצון און גיטריישאַפט, זאל נאר יעדער פון אונדז האָבן דרך־ארץ פאַר זיך אַליין און זיין התחייבות דערפילן, זאל אונדזער יוגנט זעען מיט וויפל איבערגיגעבנקייט מיר באַמיען זיך דאַן וועלן מיר פאַרשאַפן כבוד אונדזער פאָלק און השם וועט מצליח זיין אונדזער וועג.

---

# פסיכאלאגישע עלימענטן אינים חסידות

## פון הרב מנחם עקשטיין

יידיש: י.ע־ט.

(המשך)

**נאָך** דעם ווי מיר וועלן שוין אויף אַזוי פיל באַהערשן אונדזער פאַרשטעלונג, אַז מיר וועלן מיט אונדזער פאַנטאַזיע קענין זען די גאַנצע וועלט, און אַלע מענטשן וואָס גיפונין זיך אויף איר, דאַן וועלן מיר זיך אָנהייבן פאַראינטערעסירן מיט אַלע מענטשן בפרט וואָס זיי טון, וואָס זיי פילן, און וואָס פאַר אַ תוכן און ווילן, יעדער איינער פון זיי האט.

לאָמיר זיך אין אָנהויב פאַרשטעלן אַ בילד פון אַנ'איינצל מענטש, אַ פּרט אין זיין לעבן, אַ טרויעריקער פּרט וועלכן שוין יעדער איינער פון אונדז האט גיוויס אין זיין לעבן גיזעען. לאָמיר זאָגן, דאָס גיפיל פון טרויערן איבער אַ מת, אַט שטייט דער טאַטע איבערן קראַנקן בעט פון זיין קינד, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט, ער אָטימט שוין די לעצטע אָטים־צוגן, און דער טאַטע קען אים מיט גאָרנישט לינדערן זיין לאַגע, דער טאַטע זעט ווי די אַרומשטייענדיקע מענטשן פּרוּוון אויס צי עס גיפינט זיך נאָך עפּיס אַ חיות אין קראַנקן, אַט שטעלט מין פעסט, אַז ער איז שוין גישטאָרבן, מע הייבט אים שוין אָפּ, מע לייגט אים אויף דער ערד, מע פירט אים אויפן בית־עלמין; דער טאַטע זעט דאָס גרוב וואָס איז אָנגיגרייט פאַר זיין קינד, מע לאָזט דאָס קינד אַראָפּ אין קבר, מע שיט עס צו מיט ערד, נאָכדעם קערט זיך דער פאָטער אום אַ היים, דעם קינדס בעטל איז ליידיק, באַקאַנטע קומין דערנאָך מנחם־אָבל זיין, אים טרייסטן, ער הערט זיי אָבער נישט פון גרויס צער און עגמת נפש. מיר דאַרפן זיך אויף אַזוי פיל פאַרטיפן און דעטאַליזירן דאָס בילד, אַז מיר זאָלן באמת פילן דעם צער פון טאַטן ווי אַזוי דער טרויער פולט אים אויס אין גאַנצן, אַז ער קען שוין נישט טראַכטן עפּיס אַנדערש.

ערשט לאָמיר זיך גינוי פאַרשטעלן, ווי אַזוי פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אין משך פון טעג וועפּט אויס דער טרויער: דער ווייטיק פאַרהיילט זיך אויס, און קערט זיך ביסלעכווייז צוריק צו זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, ער קען שוין צוריק ריידן מיט מענטשן ווי אַמאָל, האַנדלט וואַנדלט, צוריק ווי אַמאָל, מיר דאַרפן זיך אַזוי פיל איינלעבן אין דער ראָלע פון טאַטן, אַז מיר זאָלן ממש פילן ווי דאַן ווען זיין צער הייבט אָן נאָכלאָזן, זאל אונדזער צער אויך נאָכלאָזן. מיט איין וואָרט, מיר זענין דאָ אויסן, אַז אַ מענטש איז אַליין זיין אייגינער דיכטער, ער דאַרף נישט לייענין קיין שילדערונגין וואָס זאָלן אים ערשט פאַרשטעלן אַט די גישעענישן, און שילדערן אין אַ באַרג מיט ווערטער, — מיר קענין זיך דאָס אַליין איינאייגינין מיט דער הילף פון אונדזער פאַרשטעלונגס־קראַפט וואָס דאַרף נאר גינוג גיאיבט און פאַרפאָלקאָמט ווערן, אַז מיר זאָלן זיך דאָס אויף אַזוי פיל קענין אויסמאָלן ווי מיר וואָלטן דאָס גיזעען בחוש.

אַזוי קענין מיר זיך פאַרשטעלן אַ חתונה־אַקט וועלכן מיר האָבן בייגיוואוינט, ווי אַזוי מע צירט אויס אַ פּרעכטיקן זאַל מיט בלומין און שיינע בילדער, מע שטעלט אויס די טישן, מע דעקט זיי מיט שניי ווייסע טישטעכער, מע סערווירט זיי מיט פאַרשידענע גיפעסן, בונט־פאַרביקע בלומין פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ דופטיקייט: פאַרשידענע מיני איינגימאַכצן, די מחותנים און די פאַרבעטענע געסט זענין אויסגיזעצט אַרום די טישן, און אָנגיטון אין פּרעכטיקע מלבושים, מע דערלאַנגט זיי עסן, די מוזיק שפּילט אויף פריילעכע מאַ־שן, די פרייד ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, קרעפטיקער, אַז מע כאַפּט אַ טענצל. לאָמיר זיך נאָך אַזעלכע קלייניקייטן און דעטאַלן פאַרשטעלן, ביז מיר וועלן זיך אויף אַזוי פיל איינלעבן, ווי מיר וואָלטן אַליין גיוועזן אין דעם דאַזיקן מעמד, צווישן די מחותנים און די געסט, לאָמיר פאַרענדיקן דאָס בילד און אונדזער פאַנטאַזיע ביזן סוף, ווי די מחותנים קערן זיך אום אַהיים, פּאַמעלעך גייט די פרייד אַוועק, פאַרשווינדט, אַז אויף צו מאָרגנס פילט מין גאָרנישט, אַז ס'איז עפּיס פאָרגיקומען, מע ווערט ווידער וואָכעדיק ווי פריער.

די ערשטע צייטן, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, וועט דאָס אָנקומען שווערלעך זיך פאַרצושטעלן בחוש אַזעלכע זאַכן און זיי דעטאַליזירן, אויף אַזוי פיל מיר זאָלן זיי טאַקי פילן ווי מיר וואָלטן עס אָנגיטאַפּט מיט דער האַנט. איבערהויפּט וועט אָנקומען שווער, דאָס בייטן בילד אויף בילד — אַ פריידיק בילד אויף אַ צער, פול בילד, אָבער אויך דאָ וועט די פלייס, דאָס צוגיוואוינין זיך, און די צייט זיך טון דאָס זייעריקע, און אין משך פון דער צייט וועלן מיר זיך קענין פאַרשטעלן 5, 10, און אַפילו 20 בילדער גינוי און דייטלעך ווי אין אַ קינא, אַ וואונדערלעכקייט, מיר וועלן באַגרייפן דעם וואונדער פון קענין לאַווירן מיט די גיפילן פון האַרץ, זיי טוישן און בייטן זיך, ווי מיר וועלן עס וועלן, דאָס איז טאַקי דער צוועק פון אונדזער אַרביט.

לאָמיר זיך איבערטראָגן אויף די איבעריקע לעבנס־גישעענישן, לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַ מענטש וואָס פאַרלייגט אַ גרויס גישעפט מיט דער האָפינונג, אַז ער וועט דערפון רייך ווערן, לאָמיר נאר גינוי זיך פאַרשטעלן ווי אַט די האָפינונג פולט אויס זיין האַרץ מיט לעבן און פרייד, ווי ער בויט זיך שוין אין דער פאַנטאַזיע לופט־שלעסער, וואָס ער וועט עס אַלץ אויפטון מיטן געלד, וואָס עס שטייט אים פאַר צו פאַרדינין, וואָס פאַר אַ פּאַלאַצן ער וועט זיך אַלץ נישט אויפשטעלן, ווי ער וועט זיך עס איינהאַנדלין די שענסטע מעבל, די שענסטע מלבושים, ער וועט זיך דינגען לאַקייען, מע וועט אים אָפּגעבן דעם גרעסטן כבוד ער און וועט האַלטן אין איין שטייגן, מע וועט אים מכבד זיין מיט די בכבודיקסטע אַמטן; אַט גילונגט אים צו פאַרווירקלעכן וואָס ער האט גיוואָלט און גיהאָפט, זיין פרייד! זיין גליק! ער ווערט ערשט אָנגיפולט מיט אַ פרישער לעבנס־פרייד! און פאַרקערט, לאָמיר זיך פאַרשטעלן זיין צער און עגמת נפש ווען עס גילונגט אים נישט צו דערגרייכן זיין ציל, ער האט נאָך אַדרבה דערלייגט דאָס גאַנצע געלד, און אַרויס מיט די ליידיקע הענט וואָס ער פילט דעמלט, ווי זיין וועלט איז אים אונטערגיגאַנגין פּלוצים, אַ פאַרביטערונג און אַנטוישונג, ער איז שפלדיק ביי זיך גיפאַלן...

און פּאַמעלעך, לאָמיר ווייטער דעם אומגליקלעכן נאָכפאָלגן אין זיין לעבנס־וועג, ער פאַרגעסט פּאַמעלעך זיין אומגליק, ער נעמט אין זיך פרישן מוט, ער נעמט זיך צוריק צום מסחר, ער פאַרדינט צוריק געלד.

און יעצט אַ'אַנדער בילד: פון דער נויט: לאָמיר זיך גינוי אויסמאָלן די גיפילן פון אביון וואָס האט נישט קיין פּיצל ברויט פאַר די קינדער, ער גייט אַרויס אין גאַס מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ מיט דער איינציקער האָפינונג: אולי, טאָמער וועט עס אים דאָך גילונגען צו גיפונין עפּיס אַ פאַרדינסטל, ער זאל קענין שטילן דעם הונגער פון זיינע קינדער, וואָס דערוואַרטן אים אין שטוב. די שמחה ביי די קינדער, ווען דער טאַטע האט אַהיים גיבראַכט ברויט און צווישן זיי צוטיילט: דעם צער און די יללה אין שטוב ווען ער איז צוריקגיקומען ליידיק, די סדרה מיט עצות וואָס אָנצוהויבן צו טון, און ביי וועמין פריער צו לייען, זיין ביטער האַרץ ווען ער דאַרף דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אויסציען די האַנט נאָך אַ נדבה, זיין שפיכת־דמים דערפון, זיין גליק ווידער און זיין שמחה, ווען נאָכן יאוש, האט זיך אים דאָך גימאַכט עפּיס אַנ'עסקל ביי וואָס צו פאַרדינין. ער וועט שוין נישט זיין צערשט צו גיין נאר פון בריק און וואָסער ער דאַרף שוין נישט זאָרגן וואָס מאָרגן וועט זיין, ווייל ערשט וועט ער שוין האָבן זיין ברויט.

און פון דעם בילד, צו אַ בילד פון אַ גיוויינלעכן מענטשן, וואָס לעבט אָפּ אַ פּשוט לעבן, אָן ענדערונגין אָן אויפטרייסלונגין, און זיי דערפילן זייער פליכט וואָס זיי האָבן זיך אַליין גינומען, אָדער אַנדערע האָבן אויף זיי אַרויפגילייגט. דער קרעמער למשל, וואָס הויבט זיך אויף אין דער פרי מיטן פליכט־גיפיל, אַז ער דאַרף עפינין דאָס גישעפט, מאַכן אַ שטיקל „ספּשאַנט“ (רייניקונג) אין זיין גיוועלב, ריין מאַכן די טישן, בענק איינאָרדנין מיט אַ סדר די סחורות פאַר די קונים. די קליינלעכע אויפרעגונג ווען מע זאָגט אים עפּיס אַ גרימאַס אויף דער סחורה, אָדער מע ברענגט זי אים אָפּ צוריק, און די זעלבע קליינלעכע הנאה ווען די קונים לויבן זיין סחורה. זיין כעס אויף זיינע סוביעקטן ווען זיי האָבן עפּיס נישט גיטון אין געשעפט ווי עס באַדאַרף זיין, און זיין צופרידנקייט ווען די משרתים זיינע דערפילן יאָ פּינקטלעך זיין ווילן און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן וואָס פילן אויס אַזאַ איינים דאָס לעבן, לאָמיר אָנכאַפּן טאַקי דעם בוכהאַלטער פון דעם סוחר, זיינעם אַ מענטש, וואָס דאָס גאַנצע פאַרגינינגן און דאָס צער פון אַזעלכן באַגרעניצט זיך בלויז אין דער גוטער אָדער שלעכטער מינע פון בעל־בית, ווען זיי האָבן אים יאָ אָדער נישט צופרידנגישטעלט.

לאָמיר זיך אויך פאַרשטעלן אַ קאַזאַרמע, ווי מע ברענגט אַהין צונויף מענטשן, קייגן זייער ווילן. אין דער היים טוט זיך יעדערער זיין באַשעפטיגונג, יעדער האט זיך זיינע אינדיווידועלע נייגונגין, אַ באַזונדערע סביבה, דאָ האט מין אַלע צונויפגעבראַכט אונטער איין דאַך. דאָ עסן אַלע דאָס זעלבע עסן און טוען די זעלבע אַרביטן, זיי לערנין זיך ווי אַזוי צו מאַרשירן, גייען, טאַנצן, שפּרינגין,

ווי אַזוי נאָכצויאָגן, שלאָגן, שטערן, שיסן, ווי אַזוי די זעלבע לעבנס באַדינגונגען שאַפן אַ חברשאַפט צווישן מענטשן וואָס זענען פריער אַזוי ווייט גיווען איינער פון צווייטן. ווי אַזוי זיי קומען אָפּ די טעג אין קינדער שפּילערייען און נאַרישקייטן און פאַרגעסן פאַמעלעך יעדער באַזונדער זיין פריערדיקע באַשצפטיקונג, און זייער אַרט אין לעבן זייער ווייניק זענען נאָר פאַראַן וואָס פאַרגעסן נישט אין זייער פריערדיקן מצב און שטייען אין דער זייט, זיי קענען נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען נאָך ערשט נישט אין דער אייגינער הויט, און אַז זייער איצטיקן מצב האָט מען אויף זיי נאָר אַרויפגיצוואונגען און היטן זיך אָפּ, אַז דאָס איצטיקע לעבן זאָל אויף זיי נישט שלעכט ווירקן אויף שפּעטער ווען זיי וועלן באַפרייט ווערן.

לאָמיר זיך גינוי פאָרשטעלן דעם לעבנס־לויף פון אַ מענטשן: פון וואָס ער איז באַשאַפן גיוואָרן, ווי אַרום ער איז גיבוירן גיוואָרן, ווי אַזוי זויגט ער, די פרייד פון טאַטע מאַמע ביי די ערשטע פונקן פון שכל, קענענדיק בלויז דערקענען דאָס פנים פון אַ מענטשן וועלכן ער האָט גיזעען. דאָס אָנהייבן פּלאַפּלען, גיין, די קינדער־שפּילערייען פון דער פריער און דערוואַקסינער קינדהייט, דאָס אָנהייבן ריידן, אַנטוויקלען זיך פון מדרגה צו מדרגה, די יוגנט יאָרן און דאָס באַקומען שכל, און דאָס פאַמעלעכע איבערגיין צום רייפן פאַרשטאַנד, דער חתונה־פּעריאָד, פאַרלייגן מסחרים, קינדער־האָבן, לאָמיר דאָס נישט באַטראַכטן אויבנאויפיק, נאָר זיך פאַרהאַלטן אויף יעדן לעבנס־פּעריאָד און זיך גינוי פאָרשטעלן אַלע פּרטים וואָס בעסערט די שמחות אין לעבן און די דאגות, דאָס פאַרגעניגן און דאָס עגמת נפש אין יעדן לעבנס־פּעריאָד, אַלע מעגלעכסטע פּאַסירונגען וואָס קומען פאָר מיט מענטשן אין משך פון לעבן, האָפינונג און גליקלעכע מינוטן און גלייכצייטיק אויך די מינוטן פון יאוש און לעבנס־מידיקייט, טעג פון טיפן טרויער.

אַזוי בייטן זיך די גיפילן. יעדער גיפיל לאָזט איבער פּלאַץ פאַרן צווייטן גיפיל, אַזוי ציט זיך דאָס שפּיל ביז אין דער עלטער אַריין, דעמאָלט, אַז דער מענטש פּרוּוט אַ קוק טון אויף צוריק אויפן גאַנצן לעבן זיינעם, זעט ער ערשט אַז אַלץ וואָס ער האָט נאָר גיטון, גיאַרבעט, גיהאָפט, גיפרייט זיך, אין כעס גיוועזן, מלחמה גיהאַלטן, באַזיגט אַנדערע, אָדער באַזיגט גיוואָרן, זיך מיאש גיוועזן, אויפגיהויבן זיך, זיך דערמוטיקט נאָך דעם אַלעם, איז ער ציגיקומען צו אַ גיפערלעכע לײדיקייט. די כוחות גייען אויס, אַ גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע צום לעבן פאַרנעמט אַלץ מער דעם פּלאַץ אין אים, אַלטע מחלות הייבן זיך אָן אָפּצורופן, די לעצטע, סאַמע לעצטע קראַנקייט, דער טויט, די באַגרעבעניש, דאָס פוילן און פאַרגעסן... פאַרגעסן... פאַרגעסן...

## הרב ב־ן שמן

# תשובה

## דער זין פון תשובה

**האסטו** ווען עס איז גיטון אַן עבירה, פאַרצווייפל נישט, פאַל נישט אַריין אין עצבות, ווייל דו קענסט דיר לייכט העלפן, קאָנסט פאַרווישן יעדן שפּור, — פונים חטא דורך תשובה. תשובה איז מכפּר, דורך תשובה ווערט אַפילו פון דער עבירה אַ מצווה, די עבירה האָט דיך דערווייטערט, אָפּגעריסן פון היילקן שורש, תשובה דערנענטערט דיך, און פאַרבינדט דיך נאָך שטאַרקער, פעסטער, צום מקור פון אייביקייט.

ווען ג־טס כעס גיסט זיך אַמאָל אויס איבער אַ מענטש, איז עס נישט, צוליב זיינע עבירות, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָך דער מענטש, אַ זינדיק, כאַראַקטערשוואַך באַשעפעניש, גיפירט דורך זיינע אינסטינקטן, און לייכטזיניקייטן, אַ שפּילצייג אין דער האַנט סינים יצר־הרע. ניין, נישט דאָס איז די סיבה פון ג־טס צאָרן, די סיבה איז: פאַרוואָס האָסטו נישט גיטון תשובה, פאַרוואָס טוט דיר נישט באַנג, פאַר וואָס שעמסטו דיך נישט פאַר דיין באַגאַנגינים פאַרברעך.

אט דעם גידאַנק לערנען אונדז די חז"ל מיט אַ משל: עס זענען אַמאָל אַרעסטירט גיוואָרן פאַרברעכער צוליב זייערע פאַרברעכנס, נאָך אַ צייט איז זיי גילונגען דורכצובויערן די דיקע תפיסה מויער, און דער גרעסטער טייל האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן, די איבעריקע האָבן אָבער זיך פאַרזוימט, ביז עס האָט זיי גיכאַפּט דער תפיסה־שומר, און זיי נאָך מער גישלאָגן און גירודפט. איך שלאָג אייך נישט דערפאַר — זאָגט ער צו זיי — ווייל איר זענט פאַרברעכער, אייער לעצטער פאַרברעכן איז נאָך אַ גרעסערער ווי דער ערשטער, איר האָט גיהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, און איר האָט די מעגלעכקייט נישט אויסגינוצט. 1)

איינס פון די פיל חסדי הבורא, איז בלתי ספק דער דרך־התשובה. מע קאָן גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז תשובה, איז דער שליסל פון דצד וועלט, אין איר שטענדיקער רעגולאַטאָר. דיין מעסטל עבירות ווערט פאַרפולט, שוין איז גיקומען די צייט, אַז די וועלט זאָל דיך אויסשפייען אין די פינצטער אומצנדלעכע תהומות, דעמאָלט רייסט זיך פון דיר אַרויס אַ טיפער קרעכץ, בושה באַדעקט דיין פנים, און השי"ת נעמט צו דיין תשובה ווי אַ קרבן, דיין נשמה ווערט צוריק ריין, אומבאַפלעקט. ווייטער: „ראשון לחשבון עונות" — דעריבער אָן תשובה קאָנסטו נישט עקזיסטירן, אָן תשובה איז דיין קיין לעבן נישט. דיין וועלט קיין וועלט נישט.

נאָך פאַר דער וועלט־באַשאַפונג, איז שוין גישאַפן גיוואָרן דער דרך התשובה, ג־ט זעט, אַז „רבה רעת האדם", „און אַפילו דער גרעסטער צדיק מוז אויך אַמאָל אַ זינד באַגיין" האָט השי"ת באַלד פאַרגיברייט דעם תשובה־שליסל, דעם וועג אויף צוריק, אַזוי אַרום איז גיקומען די רפואה פאַר דער מכה, די תשובה פאַרן חטא. 2)

און ווען די וועלט איז שוין גישאַפן גיוואָרן, און דער כוח התשובה איז נאָך נישט גיוועזן אינסטאַלירט אַלס טעטיקער כח, האָבן זיך די וועלט יסודות אָנגיהויבן שאָקלען, דער באָדן האָט זיך אָנגיהויבן שפּאַלטן, זיי האָבן אַרויסגיוויזן די שוואַכקייט פון זייער קיום אָן תשובה, איז באַלד נאָכגיקומען אַלס דערגענצונג, און גלייכצייטיק אַ פונדאַמענטאַלער כוח: די תשובה. 3)

נישט יעדער איז גיוועזן איינשטימיק צו ברענגען אין לעבן די תשובה אַלס רעגוליר־כוח איבער די מענטשלעכע שלעכטיקייטן. די „חכמה" זאָגט זיך אַרויס פאַר אַן אייביקער פאַרפאַלגונג פאַר דעם זינדיקן, — די „נבואה" גיט באַלד אַרויס דעם שטרענגין משפט: טויט פאַר די זינדיקע, — די „תורה" זאָגט: זאָל ער ברענגען אַ קרבן וועט ער אויך האָבן אַ כפּרה, — השי"ת דער מלך רחמן זאָגט:

ווען מיינע קינדער וועלן ערנצט תשובה טון וועל איך זיי מוחל זיין. 4)

און ווי לעבנס נויטיק עס איז גיווען די תשובה, האָט באַלד די ביטערע ווירקלעכקייט גיוויזן. אָדם הראשון אַ פאָר שעה נאָך זיין שאַפונג, מאַכט אַ מרידה געגן ג־ט, און עסט די פרוכטן פון פאַרבאָטינים בוים, און באַלד דער שרעקלעכער קין־הבל מאָרד. 5) אדם און קין גייען אַרום מיט שרעקלעכע חרטה־גיפילן, מיר זענען די אַרגסטע באַשעפינישן אויף דער וועלט: איין מצוה האָט מיך ג־ט גיבאָטן, און אויך די האָב נישט גיקאָנט האַלטן. איין ברודער האָט מיר ג־ט גישענקט, און שוין איז מיר די וועלט ענג גיוואָרן, און כ'האָב אַזאַ רציחה באַוויזן, אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן. ביידע גייען אַרום פאַרביטערט, אין דערוואַרטונג פון אַ שווערן משפט פאַר זייערע עבירות, עס באַווייזט זיך דעמאָלט דאָס רחמנות פון השי"ת און ווייזט דעם וועג פון תשובה, קין לויפט אָנזאָגן זיין באַטריבטן פאָטער די בשורה, איך האָב תשובה גיטון און מ'ך פאַרייניקט, באַלד האָט זיך אויך אדם סאָלאַרידיזירט מיט זיין זון, און ביידע האָבן אָנגיהויבן זאָגן שירות ותשבחות צום בורא כל. 5)

די חז"ל וועלנדיק באַצייכנען די גרויסקייט פון תשובה, דרוקן זיי עס אויס אין פאַרשידינע ווערטער:

תשובה איז די בריק וואָס פירט צו עוה"ב: דער טאָג איז גישאַפן גיוואָרן צוליב דער הייליקייט פון דער נאַכט, די נאַכט — צוליב שבת, נאָך דער קדושה פון שבת — קומט ראש־חודש, נאָך ראש־חודש — ימים־טובים, נאָך ימום־טובים ראש־השנה, נאָך ראש־השנה — יום־כפור, קומט מען צו תשובה. און תשובה — פירט צו עולם הבא 6)

ווען יידן וואָלטן תשובה גיטון אַפילו איין טאָג וואָלט באַלד גיקומען די גאולה און ביאת המשיח. 7)

תשובה איז דער פאַנצער וואָס שיצט פון אַלע מינים פורעניות. צורייסט דעם שרעקלעכן גזר דין וואָס הענגט איבערן מענטש, ברענגט רפואה און אריכות ימים אויף דער וועלט, 8) דער ענד־ציל פון חכמה איז תשובה, ג־טס האַנט איז אויסגישפּרייט פאַר די בעלי תשובה, ווען דו טוסט נאָר אַפילו תשובה במחשבה, גרייכט זי שוין ביז צום כסא הכבוד. קיין שום זאַך קאָן נישט שטיין אין וועג פון בעל־תשובה, און דאָרט ווי עס שטייען בעלי תשובה, קאָנען נישט ציקומען אַפילו קיין עכטע צדיקים. 9)

פונקט ווי די „יוד" איז אָפן פון אַלע זייטן, אַזוי איז דער וועג פון תשובה אָפן פאַר יעדן. ווער עס רייסט זיך אויף דאָס האַרץ תשובה צו טון פאַר השי"ת, דער וועט נישט באַדאַרפן ח"ו רייסן אַנדערע קריעה, ג־ט איז ענטער צו אַ צובראָכן האַרץ ווי צו מלאכי השרת, עפנט מיר אויף נאָר אַ קליין טירל ווי אַ נאָדל־לאָך, וועל איך שוין אַריינפירן אין טויערן פון גרויסע פּאַלאַצן. 10)

## דער וועג פון תשובה

צי הערסטו נישט די שטים פון דיין ריינים געוויסן, דאָס גיוויין פון דיין נשמה: טו תשובה. צי האָסטו דיך באַרעכנט וואָס עס הייסט אַ זינד, און פאַר וועמען דו האָסט גיוואַגט צו זינדיקן? דו קליין ווערימל, דו ערד־שטויבל האָסט גיוואַגט צו מאַכן אַ מרידה געגן כביכול, וועמענס וואָרט מאַכט חרוב, און בויט אויף וועלטן, און ביסט נאָך אַ עומד במרדו, דו פילסט גאָרנישט, אַז דו ביסט באַגאַנגען אַ זינד.

שוין גינוג האָסטו גיבלאָנדזשעט און אין פינצטערע לאַבירינטן דיינע כוחות פאַרלוירן, גינוג גיוואַנדערט האָסטו אין פרעמדע גערטנער און שיריים פון פרעמדע טישן גיקליבן, יעצט רופט דיך אַ בת־קול פון הימל: „שובו בנים שובבים"! זוכט דעם וועג אַ היים! אַ היים צו אייער טאַטנס טיש, צוריק צום מקור, צוריק צו אייער היילקן שורש.

דו פילסט דיך אפשר נישט ביי קיין זינד, דו ביסט ביי דיר פאַרענטפערט פאַר דיינע מעשים. טאַ וויסן זאָלסטו, אַז דיין נשמה איז אַזוי פאַרגרעבט, דיינע גיפילן אַזוי פאַרטעמפּט, אַז די עמפינדסט שוין נישט דיינע באַגאַנגינע פאַרברעכנס, דער יצר־הרע האָט דאָך אַזוי פאַרפירט, אַז דו זאָלסט אַפילו נישט וועלן זוכן דעם וועג אויף צוריק.

דער רמב"ם ברענגט אין זיינע ספרים, עס איז גיווען אַ חכם איז די מערב־לענדער, וועלכער האָט נישט גיזאָגט קיין תחנון, מיט דעם מאָטיוו, אַז ער פילט זיך עבירה — פריי. שרייבט דער רמב"ם — איך האָב שטאַרק רחמנות באַקומען אויף דעם נפש, און באַשלאָסן, פאָרן צו אים, איך פרעג אים איניקע פראַגן איבער זיין לעבנס פירונג, און באַלד האָט ער זיך דערפילט מלא חטאים, עונות און פשעים, און אָנגיהויבן מתוודה זיין מיט גרויס גיוויין.

עס האָט אַמאָל גיזאָגט איינער פון די צדיקי הדור, אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן איז אַן עבירה, נאָך גרעסער איז די עבירה ווען מע נאַרט זיך אַליין, און פּרוּוו דיך ניכטער זיך צו פאַרטראַכטן: זענען דיינע מחשבות אייביק ריינע? איז דיין מויל אַ הייליק „חפץ־חיים" מויל? און דיינע מעשים, — צי ביסטו זיכער, אַז זיי זענען אומבאַפלעקט. שאַץ אָפּ אַלץ וואָס איז אַרום דיר, און אַלץ וואָס שטאַמט פון דיר, וועסטו זעען, אַז ווייט, ווייט ביסטו פאַרזונקען.

איך פּרוּוו דיך צו פאַרשטיין, דו טראַכסט דיר, דו ביסט נאָך יונג, האָסט נאָך צייט תשובה צו טון, דערווייל ווילסטו מיטמאַכן דאָס כשוף־ראָד פון לעבן, ווילסט פאַרזוכן אויך פון „עץ־הדעת", און דאַן, ביז די „זיבעציק יאָר" האָסט נאָך צייט צו קלערן. און ווען די גיפונסט דיך אין אָפּטימיסטישן צושטאַנד, שטעלסטו דיר אויף גאַנצע „הונדערט און צוואַנציק", איך וואָלט דיך פאַרשטאַנען, די טויערן פון תשובה זענען אייביק אָפן, אָבער צי ווייסטו וועמענס מאָרגן עס איז? צי ווייסטו דען נישט, אַז די בריק וואָס פירט פון עוה"ז ביז עוה"ב איז אַ גאַנץ שוואַכע, זי שאָקלט זיך, קראַכט און דאַן בלייבסטו שטיין פאַר דער אומענדלעכקייט...

די זיסע עוה"ז חלומות האָבן זיך דיר צורינען מיט גאָרנישט, און די שוועבסט שוין אין אַנדערע וועלטן, אין העכערע, הייליקערע, אייביקע וועלטן, ווי די אַלע חלומות זענען גאָרנישט, שפּינוועבס, וועסט דיך שעמען, טיף שעמען, אָבער...

וואָרן ווייל איז דעם וואָס טוט תשובה ווען ער איז נאָך אַ מענטש פול מיט יוגנטלעכקייט און קרעפטן, איידער דאָס ליכט הייבט זיך אָן לעשן באַדאַרפסטו צוגיסן בוימל. 11)

וואַרף אַוועק דיין שוואַכקייט, און גורט דיך אָן מיט מוט און גבורה, ענדלעך צו רעווידירן דיין לעבנס שטייגער, הייב אָן ביי עקסטרעם, האָסטו גיליטן אויף ליידנשאַפטלעכע היץ, לייג דיר צו קאַלטס, ביסטו גיוועזן צו קאַלט, אָן טעמפּעראַמענט און שאַפונגס ענערגיע, הייל דיך מיט הייסן, ביז ענדלעך דו וועסט קומען צום גאָלדינים מיטל־וועג, צום אמתן תורה וועג. 12)

דיין מחשבה וועט דעמאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ היכל פאַר קדושה, דיין מויל אַ כלי שרת פון ריינקייט, דיינע הענד — וועלן זיין קנוילן פאַרמיט, אויף וועלכע עס וועט זיך שרייבן ג־טס תורה, דו אינגאַנצן — אַ משכן פון הייליקייט.

## דער כוח פון תשובה

די טויערן פון תשובה זענען פאַר יעדן אָפן. תשובה העלפט יעדן, און יעדער מוז צו איר צוקומען. פון גרעסטן צדיק ביזן גרעסטן רשע, אַלע זענען איר אונטערגיוואָרפן, און אַלע לעבן פון איר זכות.

* * *

מנשה דער זון פון חזקי' מלך יהודא, וועמענס רשעות עס האָט איבערגישטיגן אַלע גרענעצן, וועלכער האָט גיוואַגט אַריינצושטעלן אַ צלם אין בית־מקדש, און דאָך איז זיין תשובה אָנגינומען גיוואָרן. דעמאָלט ווען דאָס חיל פון אשור וואַרפט אים אַריין אין אַ גילעכערטער קופערנער כלי, און מיט פייער גליען זיי אונטער זיין קערפּער. ער גיפינט זיך צווישן לעבן און טויט, ער רופט צוהילף זיינע אַלע אָפּגעטער, ער אַלאַרמירט אַלע תרפים, אָבער זיינע יסורים ווערן גאָרנישט קלענער. דעמאָלט קומט אים אויפן גידאַנק דער פסוק, וואָס דער פאָטער האָט מיט אים אַלס קינד גילערנט „ווען עס וועט דיר זיין שלעכט זאָלסטו תשובה טון צו ג־ט". ער באַשליסט די רעצעפּט צו נעמען, ער נעמט ערנצט תפילה טון צו השי"ת, אָבער די מלאכים פאַרשליסן אַלע טויערן פון הימל, און זאָגן: רבש"ע, דער רשע, וואָס האָט אַריינגישטעלט אַ צלם אין היכל, זיין תשובה ווילסטו צונעמען?

אָבער ג־ט עפנט דעמאָלט אַ קליין טירל אונטערן כסא הכבוד און הערט צו זיינע תפילות און מנשהס תשובה גייט אויך אויף לרצון גדול.

* * *

ירושלים איז גיפאַלן, און אַט שטייט דער שונא פאַר די טויערן פון בית־מקדש, און וויל אויספירן אַ רויב־אָנפאַל איבער די אוצרות פון בית־מקדש, אָבער זיי וואַגן נישט איבערצוטרעטן די בית־מקדש־שוועל, דער פחד המקדש האָט זיי אַדורכגינומען. דעמאָלט גיפונט זיך איינער פון די יידישע מהרסים, מיטן נאָמען יוסף משיתא, וועלכער דערקלערט זיך דורכצופירן דעם חילול המקדש, ער גייט אַריין דער ערשטער און ברענגט זיי אַרויס די ברענענדיקע גאָלדענע מנורה פון היכל, אָבער באַלד באַהערשן אים גיוואַלטיקע חרטה־גיפילן: גיוואַלט, וואָס האָב איך גיטון, די הייליקע מנורה האָב איך איבערגיגעבן אין די הענט פון די פאַרשווערער. עס צינט זיך אין אים זיין פאַרשלאָפינער סיני־פונק און יוסף משיתא הויבט אָן ברענען אַ פייער פון מסירת־נפש. ניין, ער וועט מער דעם באַגער פון די יידישע פאַרשווערער נישט נאָכגעבן. ער איז גרייט אַפילו צו באַצאָלן מיט זיין לעבן.

זיי פאַרלאַנגען פון אים ער זאָל ווייטער זיי אַרויסברענגען די כלים פון בית־המקדש, אָבער יוסף משיתא שווייגט. מיר וועלן דיר געבן פון דריי יאָר די שטייער־הכנסה, — אָבער יוסף משיתא שווייגט עקשנותדיק. זיי לייגן אים אַריין אין אַ קאַסטן און זעגן אַדורך זיין קערפּער, אָבער יוסף משיתא איז שטאַרק, ער באַשליסט זיין לעבן אַלס קרבן צו ברענגען. אַ ודוי שעפּטשעט ער: אוי און ווי איז צו מיר! גינוג וואָס דערצערנט ג־ט איינמאָל. יוסף משיתא האָט טראַגיש, אונטער די שאַרפע ציין פון דער זעג, זיין נשמה אויסגיהויכט, אָבער די טויערן פון גן־עדן האָבן זיך פאַר אים ברייט גיעפנט. יוסף משיתא האָט באַקומען זיין פּלאַץ צווישן די צדיקי עליון. 14)

* * *

די רוימישע טיראַנען האָבן אַריינגידרונגען קיין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז פיזיש און גייסטיק אונטערדריקט אונטערן רוימישן יאָך. זיין שענקן דאָס לעבן נאָר אין פרייז פאַר צוועקוואַרפן די יידישע אמונה. גיוועזן פיל קדושים וואָס האָבן מיט שמחה זייער לעבן אַוועקגיגעבן פאַר השי"ת. איינער פון די קדושים איז: דער הייליקער תנא ר' יוסי בן יועזר, אויף וועמען עס איז באַשטימט גיוואָרן די עקזעקוציע אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ. עס שפּאַצירט אַדורך, רייטנדיק אויף אַ טייער פערד זיין שוועסטערן זון „יקים איש צרורות", וועלכער חוזקט איראָניש פון ביטערן גורל פון הייליקן תנא: אַט זע, וואָס פאַראַ פערד דו וועסט באַלד רייטן, אָנווייזנדיק אויף דער שוין אויפגישטעלטער תלי' און פאַראַ פערד איך רייט.

ר' יוסי בן יועזר ענטפערט: ווען צדיקים שטראָפט אַזוי ג־ט, ווי אַזוי וועט נאָך זיין דער עונש איבער רשעים.

(סוף קומט)

---

1) מדרש קהלת. 2) זמר מ"ר בראשית. 3) ילקוט ראודני. 4) ילקוט תהילים. 5) מ"ר בראשית פסחים נ"ב. 6) מדרש געברענגט אין שלה. 7) מדרש שה"ש. 8) יומא פ"ו ר"ה י"ט אבות פ"ד. 9) פסיקתא רבתי, ירושלמי פאה, ע"יי עובידוני. 01) סוכה נ"ג, יומא. פ"ו. ברכות יז—יט. ירושלמי חגיגה, ילקוט יואל. אותיות דרע"ק. 11) ע"ז יט. פסיקתא. 12) רמבם שמונה פרקים. 13) סנהדרין קלו, פסיקתא פד.

# 300 יאָר „די גילדינע רויזע״

### א.

אין זיגמונט דעם דריטנס צייטן (1578—1632) האט אין לעמבערג דער יידישער מאַגנאַט און פאַקטער פון די קיניגלעכע גיטער, ר׳ יצחק נאַכמאַנאָוויטש, אויפגעבויט פאַר זיין געלט אַ הערלעכע שול אויף אַ פּלאַץ, וואָס ער האט אָפּגיקויפט פון דעם שטאָט-ראט (1582) נישט נעמינדיק קיין דערלויבניש פון קיניג און נישט פון אַרציביסקופּ, לויט ווי דאָס גיזעץ האט גיפאָדערט.

דער בוי־מייסטער פון דער שול, וועלכע ווערט אָנגירופן „טורי זהבס״ שול, איז גיווען דער באַרימטע פּאַוועל איטאַליאַנוס (זשימליאַנין) וועלכער האט אויפגעבויט אין פּוילן אַ סך קיניגלעכע פּאַלאַצן און קירכן, ר׳ יצחקס זון, ר׳ נחמן, האט אין יאָר 1595, נאָך זיין פאָטערס טויט, צוגיבויט צו דער שול אַ ווייבער־שול, אַן־עזרת־נשים אין נאַטישן סטיל, און זי פאַרשענערט מיט אַנדערע פאַרפּוצונגען. האבן די יעזואיטן גיוואָרפן אַן אויג אויף דער דאזיקער שול, וועלנדיק פון איר מאַכן פאַר זיך אַ קירך.

און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט זי אויפן אומלעגאַלן וועג צו פאַרכאַפּן, ווי זיי האבן עס אין אַנדערע שטעט גיטון, האבן די יעזואיטן פאַרפירט גצגן די יידן אַ פּראָצעס וועגן אַראָפּרוימין די שול צוליב דעם, וואָס די יידן האבן דערויף נישט גיהאַט קיין קאָנצעסיע פון דער מאַכט.

האט זיך דער פּראָצעס גיצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט. עטלעכע מאָל איז עס פאָרגיקומען אין די קרוין־גיריכטן, אין סיים און זיך אויך אָנגישפּאַרט ביז צום קיניג זיגמונט דעם דריטן (וואַזאַ) וועלכער איז דאך גיווען דער פּראָטעקטאָר פון די יעזואיטן.

האבן די יעזואיטן אָנגיווענדט אַלע מיטלין זייער קיניג צו באַאיינפלוסן. פּיאָטר סקאַרגאַ איז גיווען זייער ראש־המדברים, זענען אבער אויך די לעמבערגער יידן נישט גיזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, אבער די יעזואיטן האבן גובר גיווען און אין חודש דעצעמבער 1605 איז אַרויס אַ קיניגלעכער דעקרעט די „טורי זהבס״ שול צו קאָנפיסקירן און אין פאַרלויף פון אַכט וואָכן מוז זי איבערגיגעבן ווערן אין די הענט פון די יעזואיטן.

האבן די יידן אַפּעלירט אויף דעם קיניגס אורטייל צום סיים, גראָד האט דער אָנפירער פון דער שליאַכטע זעבזשידאָווסקי גימאַכט אַן־אויפשטאַנד געגן די יעזואיטן און זייער קיניגלעכן פּראָטעקטאָר. האבן די יידן אויסגינוצט דעם דאזיקן גינסטיקן מאָמענט, אבער איידער דער סיים האט באַוויזן צונויפצוקומין זיך, האבן די יעזואיטן אַרויסבאַקומין דעם דערמאָנטן דעקרעט אויף דער האַנט און פאַרכאַפּט מיט כוח די שול (28 פעברואַר 1606), פון וועלכער די יידן האבן נאָך באַוויזן אַלע זאַכן באַצייטנס אַרויסצורוימין.

מיט גרויס פּאַראַד און פייערלעכקייט אונטער גלאָקן־קלאַנג און קירכן־גיזאַנג האבן גיפירט די יעזואיטן אַ פּראָצעסיע מיט אָנגיצונדינע וואַקסינע ליכט, אַריינטראָגנדיק זייערע רעליקוויען אין דער שול אַריין און אַ גרויסן קרייץ האבן זיי גלייכצייטיק אַרויפגישטעלט אויף דעם שפּיץ דאַך מיט גרויס יובל, אין דער צייט, ווען אַלע יידן האבן זיך קריעה גיריסן און גוזר תענית גיווען, יאָמערלעך גיוויינט, אבער נישט קאַפּיטולירט פאַר די יעזואיטן.

### ב.

דער איינציקער צוגאַנג צו דער שול איז גיווען דורך דעם פּראַנט־הויז פון די נאַכמאַנאָוויטשעס, האבן זיי נאָכדעם ווי די יעזואיטן האבן צוגינומין די שליסלען פון דער צוגירויבטער שול, פאַרמאַכט דעם אַריינגאַנג, דאָס הייסט, דאָס טויער פון זייער הויז, פאַר די קריסטן, ווייל אין דעם קיניגלעכן דעקרעט, איז גאָרנישט דערמאָנט גיווען וועגן דעם דורכגאַנג און אַריינגאַנג אין דער שול.

האָבן איצט די יעזואיטן באַין ברירה ווידער גימוזט אָנקומין צום קיניג מיט אַן־אָנקלאַגע וועגן דעם דורכגאַנג צו דער קאָנפיסקירטער שול.

האט איצט די איינפלוסרייכע און מיט גרויס חן באַשענקטע „גילדענע רויזע״ (זלאָטאַ רוזשאַ) וואָס איז גיווען די שנור פון ר׳ יצחק נאַכמאַנאָוויטש און דאָס ווייב פון זיין זון דעם מאַגנאַט ר׳ נחמן איזאַקאָוויטש, אָנגיווענדיט אַלע מיטלין ביי די דינגיטאַרן, מיט וועלכע זי איז גישטאַנין אין גישעפטס-פאַרבינדונג, און מיט הילף פון אַ סך שוחד און פּראָטעקציע איז איר גילונגין ביי זיי אויסצוווירקן אַז דער סיים זאָל שטיין אויפן צד פון די יידן.

די יידן האבן גיהאַט אַריינגיטראָגן אויף דעם קיניגס דעקרעט אַן־אַפּעלאַציע צום סיים און טאַקי ווען דער סיים איז זיך צונויפגיקומין איז באַלד גיוואָרן באַטראַכט די יידישע אַפּעלאַציע, און אַזוי ווי דער גאַנצער סיים איז דעמלט גיווען שטאַרק אָנגיסלאָזן אויף דעם קיניג זיגמונט און זיינע יעזואיטישע יועצים, האבן די דעפּוטאַטן שטאַרק קריטיקירט דעם קיניג, וואָס איז באַאיינפלוסט פון די יעזואיטן.

האבן זיך די יעזואיטן שטאַרק דערשראָקן פאַר דער יידישער אַפּעלאַציע און זיך באַמיט, אַז די פּראַגע זאָל אַראָפּגינומין ווערן פון גרינים טיש, און דורך דער פאַרמיטלונג פון אַרציביסקופּ זאַמאיסקי, איז צושטאַנד גיקומין צווישן די יידן און יעזואיטן אַן־אויסגלייך פרידלעך דורכצוקומין.

דאָס קיניגלעכע קאָמיסאַרן־גיריכט, צו וועמין די זאַך איבערגיגאַנגען, האט צו־גיפּסקנט די יעזואיטן אַן־ערך פון 21 טויזנט גילדן, אויסצוצאָלן עס אין ראַטעס, פאַר דער קאָנפיסקירטער שול, זיך צו קויפן פאַר דעם געלט אַ פּלאַץ אַנדערשוואו און דאָרט אויפבויען זיך אַ קירך.

דער יעזואיטישער קיניג איז אויך שוין איצט אַביסל ווייכער גיוואָרן און האט באַוויליקט צו אַקצעפּטירן דעם אויסגלייך נאָר מיט דעם באַדינג, אַז די יידן טאָרן נישט פריער דאָרט דאַווינען ביז זיי וועלן נישט באַקומין דערויף פון אים, ווי אויך פון אַרציביסקופּ זאַמאיסקי אַ דערלויבניש.

די יידן האבן זיך צוגיאיילט מיט דעם איינצאָלן די ראַטעס נאָך פאַר דעם טערמין, די „גילדענע רויזע״ האט כמעט דאָס גאַנצע געלט דערויף גיגעבן, און נאָך פיר און אַ האַלב יאָר וואָס די שול האט זיך גיפינין אין די יעזואיטישע הענט האבן די יידן צוריקבאַקומין זייער שול, באַפרייט פון דער קאָנפיסקאַציע (1609).

אין די פּורים־טעג האט אונדזער „גילדענע רויזע״ גיבראַכט די שליסלין פון דער שול, וואָס האבן זיך גיפינין ביים לעמבערגער ביסקופּ, און מיט גרויס פרייד האבן די יידן גיפייערט די באַפרייאונג.

לכבוד דער באַפרייאונג האט פאַרפאַסט אַ דאָרטיקער מחבר ר׳ יצחק בן שמואל הלוי אַ לויב־ליד צו ג–ט – „שיר גאולה״ וואָס ווערט יעדיס יאָר שבת פרשת פרה (נאָך פּורים) פאָרגילייענט פאַר דעם עולם אין דער זעלבער שול.

נישט לייכט איז אָנגיקומין דער „גילדענע רויזע״ די באַפרייאונג פון דער שול, לויט ווי מע דערציילט, ווען זי איז גיגאַנגען צ״ם ביסקופּ בעטן וועגן דער שול, האט זיך אין זיין פרום הארץ אָנגיצונדן אַ ליידנשאַפט צו דער שיינער יידישער פרוי, פון וועלכער ער האט זיך נישט גיקאָנט פאַר קיין פאַל באַפרייען. אבער אונדזער צנועה איז גילונגין זיך כסדר פון זיין תאוה און באַגער אַרויסצודרייען. איצט, ווען זי איז גיקומין צו אים וועגן די שליסלין, האט ער טאַקי פאַרלאַנגט פון איר דעם פרייז זי אַליין... און ווען די ג–טספאַרכטיקע פרוי, וואָס האט דעם ביסקופּ די גאַנצע צייט גישפייזט מיט בלויזע רייד, האט אַרויסבאַקומינדיק פון אים די שליסלין, זיך גיוואָלט באַפרייען פון זיינע אָרימס, האט זיך ביים גלח אָנגיצינדן די רציחה, אבער זי איז עפ״י נס ניצול גיוואָרן.

מיר זעען אויך שפּעטער די „גילדענע רויזע״ אויפן האַריזאָנט פון לעמבערגער הימל, נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער, נאָך דער באַפרייאונג פון דער שול, אַלס די רעטערן פון דער יידישער קהלה פון כמיעלניצקיס רויבער־באַנדע.

מע דערציילט, אַז ווען כמיעלניצקי האט גיהאַט באַלאַגערט לעמבערג, האט ער גיפאָדערט פון דעם שטאָט־ראַט אַרויסצוגעבן אים די יידן, וועט ער די שטאָט באַפרייען פון דער שחיטה, האט תחילת דער שטאָט־ראַט זיך אָפּגיזאָגט דאָס צוליב צו טון, אבער איינזעענדיק אַז ס׳דראָט דער גאַנצער שטאָט אַ גיפאַר אומצוקומין אַ דאַנק די יידן, האט זיך „זלאָטאַ רוזשאַ״ גימאָלדן צום קאָמענדאַנט, וואָס האט אָנגיפירט מיט דער באַלאַגערונג, און אַזוי ווי זי האט דעם רוצח שטאַרק אימפּאָנירט מיט איר גראַציע און חכמה, האט ער זיך גילאָזט פון איר איבערקויפן, און אַזוי אַרום איז די גאַנצע שטאָט ניצול גיוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

און ווען מע באַטראַכט איצט דעם אַלטן היסטאָרישן בית־עלמין אין לעמבערג, וואו זלאָטאַ רוזשאַ איז גיקומין צו קבורה (גישטאָרבן ד׳ תשרי שצ״ח (1637) נעבן איר גרויסן מאַן דעם „ראש ומנהיג קהל והמדינה (גישטאָרבן אין שבט שצ״ח (1616) – שטעלט מין זיך אָפּ פאַרן גרויסן מאַסיוון זאַמד־שטיין און רענעסאַנס־סטיל פאַרצירט מיט שיינע אָרנאַמענטן, און אויף דעם שפּיץ גיפינט זיך אויסגיהאַקט אַ פרויען־קאָפּ אַרומגינומין פון ביידע זייטן מיט צוויי לייבן, פאַר־קיריוויט די קעפּ אויף דער צווייטער זייט האַלטנדיק מיט די לאַפּיס די פיגור דאָס איז דער הייליקער קבר פון דער „גילדענע רויזע״ וואָס האט מיט איר

פאַרמעגן און כבוד באַפרייט די „טורי־זהבס״ שול פון די יעזואיטן און די שטאָט לעמבערג פון כמיעלניצקיס רוצחישע חיילות.

דאָרט אויף דער מצבה לייענט מין: פה טמונה האשה הקצינה והגבירה מרת רויזע בת ר׳ יעקב ז״ל, אַז „דאָס גאַנצע הויז באַוויינט איר טויט, פאַרלוירן איז גיגאַנגען די קרוין און די הילף פון יידן איז פאַרשוואונדן, זי האט נישט אירס גלייכן צווישן די פרויען, מלכים האבן זי באַוואונדערט און פירשטן האבן זיך פאַר איר אויפגישטעלט און גיבוקט״.

מיר זעען נאָך ווי ביים היינטיקן טאָג יידישע פרויען און טעכטער זענען מתפלל אויף איר קבר און טון אויסוויינין זייער ביטער הארץ פאַר דער „הייליקער מאַמע״, אַז זי זאָל פאַרן כסא הכבוד זייער מליצה טובה, אָנצינדנדיק דאָרט ליכט אא״וו.

ליכט באַשיינין און באַלייכטן טאָג און נאַכט „זלאָטאַ רוזשאַס״ קבר וואָס האט אויסגילייזט די יידן פון אַלע נויטן, ווי עס דערציילט, ווען ער באַמערקט אַ פרעמדן, דער „אל מלא רחמים ייד״ וואָס שטייט דאָרט... מ״פ

---

## באַטשע ווייסקאָל

# דאָס לעצטע ניגונדל...

## (איינדרוקן פון דער אגודיסטישער פרויען־קאָנפערענץ אין מאַרינבאַד)

**מאַרינבאַד...** זעסט פאַר דיר ברייטע ליכטיקע גאַסן. די שטאָט אויף בערג איינגיטונקט אין וועלדער. דו עטימסט אָפּ פריי און טיף. די אויגן עפינין זיך ברייט און פאַרוואונדערט. צווישן די טראַמוויי־דראָטן ברייטע גרויסע אויפשריפטן: „כנסי׳ גדולה השלישית י״א־ט״ז אלול תרצ״ז״. באַלד, זעסטו געסט און דעלעגאַטן שטראָמין פון אַלע זייטן. אַ ברייטן שלום־עליכם גיט אַן־ארץ־ישראלדיקער ייד דעם דייטשן ייד. אַן־אַמעריקאַנער דעם פּוילישן. פון דער ווייטנס ווייזן דיר אָן די גרויסע שוואַרץ־ווייסע פענער דאָס גרויסע קור־הויז, דאָס איז דער בנין, וואו ס׳קומין פאָר די פאַרזאַמלונגין פון דער כנסי׳.

מיטוואָך 8 אָוונט. אין קליינים קור־זאַל, די עפינונג פון דער אַגודיסטישער פרויען־קאָנפערענץ ביי דער כנסי׳ גדולה. מע דרוקט זיך די הענט, דו הערסט: האַמבורג, נירנבערג, קאָוונע, אַנטווערפּן, ציריך, וויין, בראַטיסלאַווא... פרעמדע פנימער, יעדיס פנים זאָגט עפּיס פאַר זיך. יעדער בליק פאַרבאַהאַלט הונטער זיך עפּיס פאַר דיר אומבאַוואוסטיס, ס׳שפּרודלט אבער פון אַלע איינס, אַ ריין יידישע נשמה, שמחה און אהבה. די טריבונע באַזעצט, דער זאַל איז פול מיט נייגיריקע, האַלב פרייליכע האַלב צוהיצטע פנימער. דו הערסט די ערשטע ווערטער פאַלן: ווען ס׳איז די צייט פון פאַרזאַמלונגען פון מענער, מוזן מיר פרויען גיין זיי צוהילף. מיר פרויען גיין שטענדיק צו הילף דעם מאַן אין זיין קאַמף. יעצט מוזן מיר יידישע פרויען גיין צוהילף די אַגודיסטישע מענער אין קאַמף פאַר דער תורה. מיר מוזן זיין דער „עזר כנגדו״ דעם מאַן און בלייבן די טאַכטער פאַרן יידישן פאָלק. אונדזער אַרביט קען נישט מער זיין באַשרענקט אויף היים און לאָקאַלע וואָילטעטיקייט, נאָר אונדזער ווירקונגס־טעטיקייט מוז גרייכן די גרעניצן פון אייגינים לאַנד. מיר מוזן, ווייל אַזוי פאַרלאַנגט פון אונדז די גישיכטע. מיר ווילן, דאָס פאַרלאַנגט פון אונדז אונדזער נשמה, אַזוי רופט צו אונדז דער אַמאָל פאַרבלאַנדזשעטער מערב, מיט דעם טרעט אַרויס הייס און שטאַרק דער יידישער מזרח, דער כבוד פון פאָלק שוועבט אין זאַל, אַ הויך פון הייליקייט. דו שטרענגסט אָן אַלע דיינע חושים. לאַנד נאָך לאַנד גיט איבער זיין באַגריסונג, באַריכט־שילדערונגין און שפּעטער דיסקוסיעס.

דו הערסט דעם דורכדרינגנדיקן ווײ־גישריי פון ארץ־ישראל, די שילדערונג פון דער קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון אונדזערע קיבוצים, מסירת־נפש, פון אונדזער בנות, די אויגן נעמין אַרום די דעלעגאַטן פון ארץ־ישראל, יונגע פרויען געגנצלעך פאַרהילט אין זיידינע טיכלעך, אַזוי גייען פאַרהייראַטע בנות־חברות אין מאַדערנים ארץ־ישראל.

אין טיפער שאַנדע בייגט מין דעם קאָפּ. וואָס האבן מיר גיטון פאַר אונדזערע יידישן רעליגיעזן ישוב, מיט וואָס האבן מיר צוריקגיצאָלט פאַרן מסירת־נפש פון אונדזערע יונגע פּיאָנערנס.

אַ מאָמענט פון אויפטרייסלונג, אַ פריילעכער גרוס פון ליטע. אַ כרוי פון קאָוונע גיט איבער מיט שטאָלץ דעם באַריכט פון איר ברייטער טעטיקייט, זי רעדאַגירט שוין עטלעכע יאָר מיט אייגינע כוחות אַ יידיש פרויען־בלאַט.

ס׳רעדן גילאַסן, רואיק, דעלעגאַטן פון דייטשלאַנד, אונטער די רואיקע ווערטער און פיינער באַנעמונג, ציילסטו דאָס שטאַרק פּולסירנדיקע יידיש הארץ, שטאָלץ, איינגיוואָרצלט יידישקייט. צו קליין זענין אבער די אָרטאָדאָקסישע גימיינדיס אין דייטשלאַנד. די יוגנט קוקט מיט בענקשאַפט צו די גרויסע יידישע ישובים און באַזונדער קיין פּוילן, צום טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן. שבת, ביי אַ חסידישע פאַמיליע אין אַ פּויליש שטעטל דאָס איז אַ טרוים. פּוילן דער צענטר פון חסידיזם, אין פּוילן איז אַנטשטאַנין בית יעקב און „בנות״. מיר הערן הייס רופן: מיר שטרעבן צו פאַרווישן די גרענעץ צווישן מזרח און מערב, זאָלן מיר זיך בייטן מיט אונדזערע כוחות, מיט אונדזערע קולטור־דערגרייכונגין.

ווענן דעם זעלבן זאָגט זיך אויך אַרויס פּוילן, דער־נענטערונג מיט מערב, עם אחת, מיר זענין איין פאָלק, ס׳טיילן בלויז אָפּ די פאָרמין, אַנדערע דער־ציונג, אַנדערע מענטאַליטעט, אבער דאך אינערלעך אַלע גלייך, דאך פאַראייניקט איין ציל, איין אידעע, איין גלות־גורל, און פון דאָרט אַן־אויפטרייסלנדיקער ווייטיק. ווייטיק פון מענטשן, וואָס זענין גיוואוינט גיווען צו געבן און יעצט הערשט ביי זיי נויט. שטענדיק גיווען דער סוביעקט פון יידישן פאָלק, יעצט דער סוביעקט. יעצט מוז מין שטיצן דעם דייטשן ייד.

מיט אומגיהויערן אינטערעס הערט מין צו דעם וואָרי־מין גרוס פון פּוילן. פּוילישע יידן, דאָס זענין הייסע אימפּולסיווע מענטשן, אין פּוילישן יידנטום ליגט אַן־אומגיהויערער כוח. פּוילן איז דער צענטר פון יידישן גייסט, פּוילן איז דער גרעסטער יידישער ישוב. ס׳ליגט אין איר אומגיהויערע מעגלעכקייטן פון אַנט־וויקלין דעם אגודה־רעיון. ערשט פאַר 11 יאָר צוריק האט מין גימוזט דערקלערן, פּראָפּאַנירן דעם בנות־גידאַנק, יעצט איז ער שוין רייף, בנות איז שטאַרק אַנטוויקלט, ערשט גיהאַט אַ בנות־קאָנגרעס, אבער אירע פאַרלאַנגין שטייגן, אירע באַדערפנישן זענין גרויסע, זי האט אירע פאַרלאַנגין צו דער כנסי׳. ס׳ליגן נאָך פאַר בנות אין פּוילן אומגיהויערע מעג־לעכקייטן פון אַנטוויקלונג, זי פאַרלאַנגט אבער פיל אַרבייט פאַר זיך, זי פאַרלאַנגט אָרגאַניזירונג.

דאָ איז דער גרעסטער יידישער ישוב אבער אויך דער גרעסטער יידישער צער, די שטאַרקסטע יידישע נויט און ווייטיק. פּוילן נייטיקט זיך און דערוואַרט שטאַרקע הילף פון אויסלענדישן יידנטום. „בנות״ אין פּוילן דערוואַרט ספּעציעלן אינטערעס פון דער אַלוועלטלעכער אגודה, פאַר דער פאַרענטפערונג פון אירע שווערע סאָציאַלע פראַגן.

דער פּוילישער ייד, ער איז צוגיוואוינט צום גלות, עס האט זיך צו אים די נויט שוין צוגיקלעבט. דער פּוילישער ייד שטרעקט אויס זיין הילפס־האַנט צום דייטשן יידנטום. מיר פילן אייער שמערץ, מיר פילן אייערע מענטשלעכע דערנידערונג, מיר זענין שוין דערמיט גיוואוינט. אויך איר בלייבט נישט אַליין. גלות ליידן דערגרייכן אומיטום, אבער ברודער־ליבע פון יידישן פאָלק בלייבט אויף אַלע צייטן. בלייבט נישט פאַרצווייפלט יידן פון דייטשלאַנד. פאַר אייך איז אויסגישטרעקט די הילפס־האַנט פון גאַנצן יידישן פאָלק.

ס׳פילט זיך שטאַרקער דראַנג צו אַרביט, צו זעלבסט־שטענדיקער אַרביט. אַזוי פיל ריכטונגין, אַזאַ גרויס אַרביטס־פעלד, אַזוי פיל פאַרלאַנגין, אַזוי פיל באַדערפנישן. אין אַלע ווינקלין פון קליינים קור־זאַל. שוין פון 9 אין דער פרי אָן אַרביטן אַלע קאָמיסיעס. שוין האט זיך די כנסי׳ גיענדיקט, שוין אָפיציעל גישלאָסן. די פרויען־קאָנפערענץ נאָך אַרביטן די קאָמיסיעס, זיי זענין באַלאַסטיט מיט אַרביט, זיי פילן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע אויפגאַבן. דאָ איז פאַרטרעטן די פרוי פון 14 לענדער, 160 דעלעגאַטן האבן אויסצואַרביטן אַ פּלאַן פון אַרביט פאַר דער וועלט־צענטראַלע. זיי האבן צו געבן איר די ערשטע ריכטליניעס. די אַלוועלטלעכע פרויען־צענטראַלע, מוז האָבן אַ גיזונטן פונדאַמענט הינטער זיך. איר אַרביט דאַרף זיין אָרגאַניזירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. פיל, פיל מוזן מיר טון. דערביי מוז זיין אויסגירעכנט אויף קליינע אויסגאַבן, אויסגירעכנטע ווירטשאַפט, דאָס איז דאך די קונסט פון דער פרוי, דערמאָנט שמייכלנדיק כסדר די צווייטע קאָנגרעס־פּרעזידענטן פון ציריך. שוין האט די צענטראַלע אירע התחייבותן, איר ערשטער בליק איז גיוואָנדן צו ארץ ישראל. פאַר „בנות״ אין ארץ־ישראל מוז מין זיכערן לפחות 20 פונט חודשלעך, ווי גערן וואָלט זיי שוין גיהאָלפן פּוילן. אומגיהויער פיל, פיל צו אַרביטן... דער גידאַנק באַגלייט, אַלע דעלעגאַטן, פאַרשוואונדן די פרעמדקייט, מע פילט זיך נאָענט, ענג פאַרבונדן. מיט ערנצטן באַדויערן באַגעגינין מיר זיך. מיר שיידן זיך מיט דער האָפנונג צו בלייבן זיך נאָענט. צום פאַראייניקונג פון דער פרוי פון אַלע לענדער. ס׳פאַלן די לעצטע בליקן אויף מאַרינבאַד. מאַרינבאַד אָן יידן האָט. די לעצטע בליקן אויף טשעכאָסלאָוואַקיי, דעם לאַנד פון פרייהייט, דאָס לאַנד אָן דער לאָזונג „יידן־פריי״. די באַן גיפּאַקט מיט מאַרינבאַדער געסט, דער לעצטער טאַנץ אויף דער באַן. דאָס לעצטע ניגונדל...

**ז. שאַכנאַחיטש**

# דער וועג אַהיים

### א דאקומענט פון דער צייט

## ט) ווי אזוי פאַרלוירינע האבן זיך צוריקגיפונען...

איידער די ווילדעס האבן פאַרלאזט דאָס לאַנד האבן זיי באַשלאסן נאָך אַביסל אַרומצורייזן, אָנקוקן די אינטיריסאַנטע מקומות.

זיי זענין גיפאָרן ביינאַכט אינים געגנט פון ים־המלח, דורך די מדבר יהודה. איבער זיי האט זיך גישפרייט אַ שטערן־גיצעלט און פון די ריזיקע, נאַקיטע פעלזן אַרום איז גיקומין עפּיס אַ גירויש.

ביים ראַנד פון דער מדבר האבן מיטאַמאָל אויפגישוואומין ליימיקע מענטשן־הייזלעך, מיט אויסגילאָשינע שייבן, וואָס האבן זיך קוים אונטערגישייט פון די גראָע שפּיציקע שטיינער ביים וועג.

שמריהוס לייכטער אויטא-וואָגן האט גישוועבט דורך די טונקעלע לאַנדשאַפט, וואָס איז נישט גיווען גישטערט אין איר נאַכט-שלווה נישט פון קיין גירויש און נישט פון קיין ליכט. ס-האט אויסגיזען ווי יאָרהונדערטער וואלטן דאָ גירעט.

אבער וואָס ווייטער זיי זענין אַרויסגיפאָרן און וואָס מער זיי האבן זיך דער־נענטערט צום שרון־טאָל—איז גיווען וואָס אַ מאָל העלער.

אַנגינעמע ריחות האט דער ווינט פאַרבייגיטראָגן און פון צייט צו צייט האט אַפּירגיבלאַשטשיט פון אונטער אַן-אייקאַליפּטוס-בוים אַ שוואַך ליכט פון אַ יידיש קאָלאָניע-הייזל.

פון אַ הויכן פונקט האבן זיך באַוויזן קליינע ליכט-פונקטן, האבן זיך באַוואויגן אין אַ קאַראַהאַד, פערשוואונדן און ווידער אַמאָל אויפגילייכט.

— דאָס זענין די לייכטער פון רחלס קבר — האט שמריהו דערקלערט — די ליכט, וואָס ווערן אָנגיצונדין בייטאָג דורך פרומע מתפללים, ברענין אַ גאַנצע נאַכט.

— מיר פאָרן אַדורך ?

— מיר קענין אַדורכפאָרן, נישט מאַכנדיק קיין גרויסן אומוועג. אבער דער אוהל איז ביינאַכט גישלאָסן. פונדעסטוועגן פאַר אַ פּאָר פיאַסטער וועט דער שומר אויפמאַכן.

פרוי אידאַ האט זיך קראַמפּהאַפט גיקלאַמערט אין איר מאַנס אָרימס.

— אַ פּאָר מינוטן ביי מוטער רחל — אַליין ביינאַכט...

— יא, האט שמריהו גיזאָגט, אַמאָל פלעגן גאָר פרומע לייט אַזוי צו טון אין חודש אלול, זיי רופן עס תיקון הצות. און זיי פלעגן דערציילן, אַז מע הערט פון דער טיף רחלס שטים וואָס וויינט אין רמה וועגן אירע קינדער...

— זיי האבן גיהערט שטימן פון דער טיף... ביינאַכט און אַליין ביי מוטער רחל... האט פרוי אידאַ גיציטערט ווי אין פיבער.

— און ס-וועט דיר נישט זיין אומהיימלעך, אַזוי גאַנץ אַליין אין אַזאַ שפּעטע שעה ?...

— אומהיימלעך ביי מאַמע רחל ?...

אַ צייט האט גידויערט ביז זיי האבן אויפגיוועקט דעם שומר און ביז יענער האט פאַרשטאַנין וואָס מע וויל פון איר האָבן.

ער איז גיקומין מיט דער לאַמטערנע און האט אויפגישלאָסן. אבער ווען ער האט גיוואָלט מיט אַריינגיין, האט פרוי אידאַ גיוואונקין ער זאָל בלייבן. אויך הער ווילדע און שמריהו זענין גיבליבן אין דרויסן. ס-האט קיינער נישט גיהערט ווי איניווייניק האט אַ יידישע נשמה זיך גיבאָדן אין טרערן, ווי אַזוי אַ קינד האט זיך שטיל אויסגישמועסט מיט דער מוטער.

אַ קינד האט גיוויינט אין מוטערס שויס און גלייכצייטיק האט אַ מוטער גי־וויינט וועגן איר קינד...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז פרוי אידאַ ווידער אַרויסגיקומין. זי האט גיהאַט נאַסע אויגן אבער אינגאַנצן איז זי גיווען באַהערשט פון אַ מונטערקייט, וועלכע זי האט שוין לאַנג נישט גיקענט ביים גאַנצן וועג, ביז זיי זענין שפּעט ביינאַכט אָנגיקומין אין די העל־באַלויכטינע גאַסן פון תל־אָביב.

קיין תל־אָביב זענין זיי אָנגיקומין די נאַכט פאַר פורים.

בייטאָג זענין די שולן גיווען גיפולט פון פרומע יידן וואָס זענין גיקומין הער לייענין די מגילה. אין די גאַסן זענין גיווען פול פון יוגנט וואָס האט זיך גיזאַמלט פאַר די עיריה, וואו די מוזיק האט גישפּילט און עולם האט ג-טאַנצט „הוירא״. זיי האבן זיך צוגיקוקט צו די אַלע פייערלעכקייטן, פאַראַדן און גאַסן־צוגן מיט אַקטועלע מאַסקיס און קאַריקאַטורן.

אבער פרוי ווילדע איז די גאַנצע צייט גיבליבן שטיל און גיוועינדיט אין זיך איניווייניק. ווי חלום־בילדער איז פאַר איר אַדורך די גאַנצע פּראַכט און גיובעלעריי. אינמיטן דעם גאַנצן יום־טובדיקן גיטומל האט זי אַלץ גיזען דעם הויך-גימויערטן שטיין מיט די אָן אַ שיעור פלעמלעך אַרום. פון אַלע מאַטיוון און ניגונים האט זי נאָר אַרויסגיהערט איין קול, די שטים פון טיפיניש וואָס האט זי אָנגירופן אינמיטן דער נאַכט און וואָס האט גיהאַלטן אין איין רוישן אין אירע אויערן: עוד יש שכר לפעולתך — ושבו בנים לגבולם... (דיין ווערק וועט נאָך ווערן באַלוינט און די זין וועלן צוריקקומין אין זייער גרעניץ...)

דאָ ווי די ווילדיס זענין גישטאַנין איז דער פּלאַץ גיוואָרן ליידיק. דער צוג איז איבערגיגאַנגין אין אַן־אַנדערער גאַס. די גאַס האט אויסגיזעען ווי נאָך אַ מלחמה, ליידיק, מיד מיט אַראָפּהענגידיקע פּענער.

די פאַרקויפער פון זאָדע־וואַסער האבן גישריגן „גזוז!״ אַנדערע האבן גיהאַלטן צייטונגין און גירופן: „הארץ״ „דואר היום״ „דבר״.

— איר האט נישט קיין דייטשע צייטונג ? האט ווילדע גיפרעגט. דאָס צייטונג-יינגל האט ביטולדיק גישאָקלט מיטן קאָפּ, — דייטשע צייטונג ? מוזט איר אייך ווענדן צום „גרמני הפראי״. (צום „ווילדן דייטש״)

— ווי האט דער „ווילדער דייטש״ זיין גיוועלב ?

— גיוועלב ? „חנותו על הבטן״ זיין גיוועלב איז אויפן בויך, אַזוי ווי איך, האט דער צייטונגס-יינגל גיזאָגט. איר וועט אים שוין דאָ ערגיץ טרעפן. זיי זענין גיגאַנגין אין דער ריכטונג צום שפת־הים.

— „בערלינער טאַגעבלאַט!״ „פראַנקפורטער צייטונג!״ „בערלינער אילוסטרירטע!״ האט מיטאַמאָל עמיץ אין רוג אויסגישריגן, מיט אַ גידעמפט קול.

פאַר זיי איז גישטאַנין אַ יינגער, שלאַנקער בחור, מיט אַן-אָפּגיטראָגינע אויבער-מלבוש. ער האט גיהאַלטן דעם צייטונגס-קאַסטן אַרומגיבונדין דעם בויך.

— גיט אַהער אַלעביידע צייטונגן — האט זיך ווילדע צוגיכאַפּט.

דער צייטונגס-פאַרקויפער האט אַ מינוט שווער פאַר זיך גיקוקט און מיטאַמאָל האט ער גילאָזט פאַלן דעם קאַסטן און דער אויסרוף איז אים פאַרגליווערט גיוואָרן אויף די ליפּן. ער האט גיוואָלט עפּיס זאָגן אבער איידער וואָס-ווען האט פרוי אידאַ אַרויסגילאָזט אַ גישריי וואָס איז גיווען ענלעך צו יענעם גישריי ביינאַכט פון די מוטער רחלס קבר.

און די גאַס איז פלוצים גיוואָרן אויפגירודערט פון אַ ניי איבערלעביניש. אַן-עליגאַנטע דייטשע דאַמע אין טוריסטן-מלבושים האט גיהאַלטן אין איר אָרים אַן-אָפּגישליסינים צייטונגס-פאַרקויפער, דעם „ווילדן דייטש״.

— דזשעמס! האט מיטאַמאָל אויך דער פאָטער דערקענט.

— איך הייס איצטער יעקב, האט יענער גישטאַמלט, אבער כ־האב זיך גאָרנישט גירעכט, אייך ליבע עלטערן דאָ צו טרעפן...

— און דיין ברודער ברוך ווייסט נישט אַז דו ביסט דאָ ?

אויך ער איז דאָ? כ־בין ערשט דאָ אַ האַלב יאָר אין לאַנד און כ־האב נאָכנישט גיהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן.

אין האטעל וואו זיי זענין דערנאָך פאַרפאָרן האט יעקב דערציילט פון זיינע וואַנדערונגין. ער האט אומטום און אַלץ גיפּרוואוט און איז אומטים אַרורכ־גיפאַלן. דאָ פאַרדינט ער זיין ברויט און איז צופרידן.

פרוי אידאַ האט נישט גיהערט די פּרטים. אין גאַנצן איז ער גיווען איין גרויסער נס אין לאַנד פון די נסים, וואָס האט גימוזט קומין נאָך יענער נאַכט אין רחלס גיצעלט...

ווען ברוך איז גיוואָר-גיוואָרן וועגן דעם גיפונין פון זיין ברודער איז ער גיווען דערפרייט אבער נישט איבעראַשט. ער האט גיוואוסט אַז עס מוז אין אַ גיוויסן טאָג קומין. דאָ איז דאך דאָס לאַנד ווי אַלע פאַרלוירינע גיפונין זיך צוריק...

יעקב מיט די עלטערן זענין גיווען ביי ברוך אין קיבוץ צוגאַסט. זיי זענין אַלע גיזעסן ביי אַ לאַנגין טיש און זיך גיקוויקט מיטן הערלעכן אָוונט. די יינגלעך און מיידלעך וואָס זענין צוריקגיקומין מידע פון דער אַרביט האבן זיך אויס־גירוט. די יינגלעך האבן גישמועסט מכוח דער אַרביט, די מיידלעך האבן פול

גימאַכט די לופט מיט זייער גילעכטער. און חנה האט ווי תמיד באַשעפטיקט, טראָגט צו פון בעסטן מילכוואַרג פאַר די אַלטע ווילדעס.

— ווייסטו ברוך, האט זיך מיטאַמאָל יעקב אָנגירופן, וואָס מיר גיפעלט ביי אייך אַמבעסטן ?

— כ־ווייס, פאַר דיר — אַוודאַי חנה...

— ווי האַלסטו פון חנהן? האט יעקב גאַנץ ערנצט גיפרעגט.

— נו, אַלס אַ שוועגערין גאַנץ גוט... אבער רעד דיר נישט איין, מיין ליבער, אַז זי וועט מיט דיר מיטגיין אין שטאָט און דיר העלפן טראָגן דעם בויך־קאַסטן, זי גיהערט צו אונדז און בלייבט מיט אונדז. ווער ס-וועט זי פרואוון אַוועקצונעמין וועט האָבן צו שפּירן די פויסטן פון אַלע אונדזערע דרייסיק חברים.

אבער מע וועט גיפונין אַן-אויסוועג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אויב זי וועט מסכים זיין. איך וועל שוין מיט איר איבעררעדן.

אין צווייטן עק טיש האט הער ווילדע גיזאָגט צו זיין פרוי: — נו, וועלן מיר גאָרנישט אַ קלער-טוען וועגן אַהיימפאָרן? מיר זענין שוין דאָ לענגער ווי מיר האבן גיהאַט בדעה.

פרוי אידאַ האט זיך גיקלאַמערט אין איר מאַן.

— אַהיים? וואָס הייסט אַהיים? גיב אַ קוק די זון און דעם הימל — און דאָ אונדזערע קינדער... וואָס הייסט אַהיים?...

— דו מיינסט עס ערנצט, ליבע אידאַ ?

יא, זי האט עס גימיינט ערנצט. ער האט עס שוין פון פריער גיאַנט און איצט האט ער עס גיפונין באַשטעטיקט אין איר בעטנדיקן בליק, אין איר ציטערדיקע שטים.

דעמלט האט זיך הער ווילדע צוזאַמינגיטראָפן מיט אַן-אַמעריקאַנער ייד מיס־טער זשאַקסאָן, אַן-אינהאַבער פון א באַנק אין עמק זבולן און האט פון אים אָפּגיקויפט דאָס גישעפט.

הער ווילדע איז נאָך אַהיימגיפאָרן אַרדינין און ליקווידירן די גישעפטן און פרוי אידאַ איז גיבליבן ביי די קינדער.

* * *

גידויערט האט עס אַ ביסל לענגער, ווי הער ווילדע האט גיטראַכט לכתחילה צו פאַרזוימין אין דער היים. ס-זענין פאַרלאָפן עטליכע חדשים ביז מ-האט גיקענט דערלעדיקן דעם גאַנצן באַרג קליייניקייטן.

ערשט שבועות צייט איז נאַרבערט ווילדע ווידער גיקומין קיין א״י — ס-האט אים מקבל פנים גיווען אַ שטאַרקע היץ-כוואַליע, אבער דער צוריקגיקערטער איז גיקומין גליקלעך צושטראַלט, ווי אַ קינד וואָס קומט ענדליך נאָך לאַנגע בלאָנ־דזשינישן צוריק צו זיין מוטער.

אונטן אין האַפן האט אַ שילד מבשר גיווען אין העברעאיש און ענגליש וועגן דער גרינדונג פון אַ נייער באַנק און קרעדיט-מוסד — א. נ. די „ווילדע באַנק״.

יעקב האט זיך צוריקגינומין צום אַלטן פאַך, הגם מיט אַ שטיקל ווידערווילן. דאך איז עס גיגאַנגין נישקשה. ער האט פון קינדווייז גיאַרביט אין באַנק־פאַך, הגם דאָ האט מין זיך גידאַרפט עפּיס צולערנין. ער האט גילערנט העב־רעאיש, די מנהגים פון לאַנד, ס־איז נישט אָנגיקומין לייכט, אבער ביי אַ גוטן רצון האט ער מנצח גיווען אַלע שוועריקייטן.

אבער ביי דעם אַלים האט ער זיך אויסגירעט אַ תנאַי: ער וויל טריי־בלייבן דעם צייטונגס־פאַרקויף, וואָס האט אים אַזאַ לאַנגע צייט גיגעבן פרנסה. אַוודאַי האט ער שוין איצטער נישט גיטראָגן דאָס צייטונגס־קעסטל אויפן בויך. דאָס האבן איצט גיטון אַנדערע לויט זיין אויפטראַג. ער האט גיגרינדיט אַ צייטונגס־אַגענטור פון אַלערליי צייטונגן. די גאַנצע „סמעטינע״ פלעג זיך דאָרט צונויפ־קומין לייענין צייטונגין.

חנה האט אין די דאזיקע טעג אַנטוויקלט אַן־אומגיהויערע אַרביטס־קראַפט און אַרויסגיוויזן אָן אַ שיעור פילזייטיקע פעאיטייטן.

דריי טעג אין וואך איז זי גיווען אין שטאָט און גיאַרביט אין באַנק-הויז — און דערביי האט זי גימאַכט די אַנטדעקונג, אַז אירע אַמאָליקע ידיעות אין גישעפטס־ביכער און ביורע־אַרביטן, האבן דאָס מינצטע נישט גיליטן און די קו־שטאַל און הינער־צוכט, ביי וועלכן זי האט לעצטנס שטאַרק עוסק גיווען.

אין אַ גיוויסן טאָג, ס־איז גיווען פאַר שבעה עשר בתמוז, האבן זיך אַלע פאַר־זאַמלט אין קיבוץ צו פייערן די חתונה פון יעקב מיט חנהן. אַ פּשוטע חתונה אָן פרעמדע, אבער פול מיט אינערלעכע שמחה, אַזוי ווי ס־גיהער צו זיין אין אַלטן לאַנד פון די אָבות.

אַלע אַלטע פריינט פון דער היים זענין זיך צוזאַמנגיקומין. ס-זענין גיווען ר׳ שמואל קאַרפּנטייך, ר׳ נתן איילגיל, וואָס האט ווידער אַמאָל עפּיס מסיים גיווען און פאַרבינדן אַגב-אורחה די סיום-חגיגה מיט דער חתונה־פייערונג. ס־האט אויך נישט גיפעלט ר׳ נחום באַב״ד.

הער בערכעס וואָס איז ערשט אַ פּאָר חדשים אין לאַנד איז גיקומין מיט דער פרוי און זיינע צוויי זון, וועלכע האבן עקספּלאָטירט צעמענט און אַנדערע בוי מאַטעריאַלן ביים ירדן.

דער אַלטער בערכעס איז אַ סך יונגער גיוואָרן און האט אין גאַנצן גישטראַלט פון גליק.

די חופה איז פאַרגיקומין אונטערן פרייען הימל, ווען אויוון האבן גילויכטן די שטערן און אונטן די שטאַרקאַצן וואָס אַלע ווייבלעכע משפחה-מיטגלידער האבן גיהאַלטן אין די הענט.

די שבע-ברכות האט גיזאָגט ר׳ שמואל קאַרפּנטייך.

צוזאַמין מיט די חתונה, איז אויך אויסגיפאַלן די פייערונג פון נעמין אין בעזיץ די פרישע פּופּציק דונאַם ערד, וואָס דער קיבוץ האט באַקומין מיט דער הילף פון נאַרבערט ווילדע און זיינע פריינט.

דער שייך און עפענדי אַכמעד סעלים ביי, דער פריערדיקער אייגנטימער פון באַדן, איז גיקומין אויף דער חתונה אויסגיצירט מיט אַלע תכשיטים און גי־שוואוירן, מיט דער רעכטער האַנט אויפן האַרץ ביי דער באָרד פונים נביא אַז זיין גאַנצע משפחה ביז צוריק צו אַבאַ בעקער, דעם גרויס־קאַליף, זענין גיווען גוטע פריינט פון יידישן פאָלק..: דער קויף־פאַרטראַג איז גיוואָרן אונטערגישריבן מיט די זעלבע פעדער ווי די כתובה.

חנה האט זיך אויסגירעט בפירוש, אַז זי וויל נישט אין גאַנצן פאַרלאָזן די אַרביט אויפן באָדן. איז בכן גיבליבן אַזוי: דריי טאָג אין דער וואך וועט זי אַרביטן צוזאַמין מיטן מאַן אין דער באַנק און אין צייטונגס־אַגענטור. דאַ־קעגן די לעצטע דריי טעג פון דער וואך האט זי פאַרבראַכט אין קיבוץ ביים לול, די קו־שטאַל און די קינדער.

איצט זענין אַלע געסט גיזעסן ביים טיש און מ-האט דערמאַנט זכרונות פון דער היים. קיינער פון די געסט האט דאָ נישט גיפירט קיין לייכט זארגלאָז לעבן. אַ טייל פון זיי האבן אין דייטשלאַנד גיהאַט בעסערע צייטן. פונדעסט־וועגן זענין אַלע גיווען צופרידן. יעדער איז דאָ גיווען אין דערהיים. ס־איז דאָ נישט גיווען קיין עמיגראַנטן.

די יידן אין זייערע גלות־לענדער טראָגן מיט זיך מיט פון גיבוירן אָן אַזוי־פיל פון פרעמדקייט, וואָס באַגלייט זיי דורכן גאַנצן לעבן.

אין די שטעטלעך פון פוילן, ליטע אדער רוסלאַנד איז מין גיווען פרעמד בלויז אויסער דער יידישער גאַס. אין דער יידישער גאַס איז מין גיווען היימיש. יידן צווישן יידן. אין דייטשן גלות איז דאָס גיווען דאָס ערגסטע. איז מין גיווען פרעמד אויך צווישן יידן. מ־האט דאָ גילעבט צענדליקער יאָרן, קינדער גיבוירן און דערצויגן און דאך איז מין גיבליבן פרעמד. ס-איז נאך גיקומין עפּיס אַ גילעגנהייט—און אַלץ איז אַראָפּגיפאַלן ווי אַן־אייזערנע פּויראַנג. דאָ אבער זענין אַלע יידן גיווען אין דער היים.

ר׳ שמואל קאַרפּנטייך האט עס דערקלערט אַזוי:

ס־טרעפט, ברידער צוגיין זיך פונאַנדער, צושפּרייטן זיך אין פאַרשידינע געגנטן. נאָך יאָרן קומין זיי זיך ווידער צונויף—און נון, זיי דערקענין זיך נישט מער, ווייל יעדער רעט אויף אַן-אַנדערער שפּראַך און האט אַנדערע מנהגים. אבער ווען זיי טרעפן זיך צונויף אין דער אַלטער היים אונטער די מוטערס אויגן, דעמלט גיבן זיי זיך תיכף ומיד די האַנט און אַלע יאָרן פון צווישן ווערן פאַרשוואונדן. מיר זענין דאך דאָ אויף דער מוטער־ערד.

דער אַמעריקאַנער מיסטער זשאַקסאָן, וואָס איז דאָרט גיווען האט זיך פּריוואַט אַריינגימישט:

—סאַראַ ווערט קען האָבן די דאזיקע פּלוצים אויפגיוואַכטע חבת ציון, ווען ס-האבן ערשט גימוזט קומין שטורימס זי אויפצואוועקן. ערשט אַז ס-האט אויפ־גיבראַזט די זאַוויערוכע, קומט מע זוכן שוץ אונטערן דאַך פון יידישן הויז. וואו זענין זיי אַלע גיווען פריער, ווען די זין האט נאך גישיינט אין זייערע פענצטער ?...

רבי שמואל האט לעבהאַפטיק אָפּגיענטפערט:

וואָס הייסט שטורם, וואָס הייסט אַ זאַוויערוכע ? נאך קיינמאָל נישט איז

גיקומען אין די גישיכטע עפּיס אַ גרויסע זאַך, אָן פריערדיקע שמערצלעכע ווייען, און מכּל־שכּן נישט אין דער יידישער גישיכטע. מיינסט איר דען אַ אין דער צייט פון רמב״ן, שפּעטער אין דער צייט פון של״ה און נאָך שפּעטער – האט מע גימאַכט סתּם־אַזוי רייזעס פון פאַרגיניגן וועגן קיין א״י? די נויט האט זיי פון דרויסן גיטריבּן און די ליבּע האט מען פון אינעווייניק גיפונען – און אַזוי סתּם זענען זיי גיקומען. די נויט און די ליבשאַפט – דאָס איז די אָפּשטויסנדיקע און צוציענדיקע קראַפט – פון די ביידע צוזאַמען אַנטשטיין אַלע גרויסע גישעענישן אין אונדזער גישיכטע. יא, דער שטורים האט די ליבּשאַפט אויפגיפלאַקערט, אבער דער פונק האט דאך שוין גימוזט זיין פון פריער.

– און די רעליגיעזע פאַרווילדונג דאָ אין שטאָט און דאָרף? צי זעט איר דאָס נישט, און דאָס פאַרשאַפט אייך נישט קיין זאָרג? האט עמיץ גיפרעגט.

– אַוודאי, פאַרשאַפט דאָס אונדז אַלימין שווערע זאָרגן, האט גיענטפערט שמואל.

– ס׳איז זייער שמערצלעך, און די שכינה וויינט איבער יעדן יידישן נפש וואָס גייט פאַרלוירן.

אבער דער עתיד פון אונדזער לאַנד איז נישט אין סכּנה. ס׳קומט אַ נייער דור, וואָס וועט זיך ווענדן מיטן פּנים צו אונדז.

ארץ־ישראל בלייבט אונדזער, בלייבט ג–טס...

– פונוואַנען זאָל עס קומען דאָס נייע דור?

– פונוואַנען? איז ר׳ שמואל אַריינגיפאַלן אין התלהבות – פונוואַנען זענען גיקומען די אַלע דורות פון אמונה־לאָזע? האבן מיר זיי אַרויסגיבראַכט, א. פ. גיצוואונגין? מיר זענען גיוועזן אין בית מדרש, אין קלויז, און זיי זענען גיקומען פון זיך אַליין, אויף וועגן, וועלכע מיר האבן נישט גיקענט. פאַרוואָס זאָל נישט נאָך דעם ג–ט־פרעמדן דור קומען אַ נייע גענעראַציע, וואָס וועט אָפּשטויסן די אַלע געצן – און זוכן ג–ט...

אבער שוין איצט מוזן גישאַפן ווערן צענטערס פון יידישקייט, כּדי די וואָס וועלן דערוואַכן זאָלן שוין גיפונין אַ ליכט אין אַ ווינקל וואו זיי וועלן האָבן אַ היים פאַר זייערע נשמות.

דעריבער איז דער היינטיקער יום־טוב פון אונדזער קיבוץ, דער יום־טוב פון אונדזער עתיד, דער יום־טוב פון ארץ־ישראל.

– אין דרויסן מוזן מיר האָבן די מאַסן, וואָס זאָלן שטיין אונטער די יידישע צענטערס, כּדי זיי זאָלן קענען ווערן אמתע מקום־מקלטס פאַר אַלע. האט צוגיגעבן נאָרבערט ווילדע.

נחום משה האט אַנגיהויבן זינגען אַ ניגון.

„שוש תשיש ותגל העקרה, בקיבוץ בניה לתווה בשמחה״
(„פרייט זיך די פאַרלוירינע ווען אירע זון זאַמלין זיך אין איר מיט שמחה...״)

און אַלע זענען אַריינגיפאַלן אין דערמיט און ווייטער גיצויגן דאָס גיזאַנג:

„מהרה ה׳ אלקינו, ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים, קול ששון וקול שמחה״...

באַלד ג–ט, אונדזער ג–ט, מאַך הערן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים די שטימע פון שמחה און די שטימע פון פרייד...

(סוף)

## דוד אַפּטייקער
תל־אביב

# בערל וואַסערטרעגער

### פראַגמענטן

ווי אַ בלאַט פון ווינט אַנגיטראָגן
האט די צייט אין שטעטל אים גיבראַכט.
אַ יתום גיוועזן אָן טאַטע־מאַמע
האט ער גיזויגן דעם שטויב פון די וועגן
און גיזוכט זיין גורל אויף אַלע שטעגן. –

אַנ׳עם־הארץ גיוואַקסן איז אַ יידיש קינד,
ווי די נאַכט אָרים און הפקר ווי אַ ווינט.

ס׳הוליעט דער ווינטער אין שטעטל גאָר צאָרניק
און נאַקיט איז דאָס קינד און באָרוויס און עלנט,
ווי אַ פויגל, וואָס קען זיין נעסט נישט גיפונין.
זיצט בערל אין בית־מדרש צום אויוון גיטוליעט
פאַרפרוירן זיין הויט – אבער ס׳האַרץ פון באַגער צוגליט איז:
אַ מעשה צו הערן פון יעקב אבינו,
ווען ער נידערט קיין מצרים...
און פון יוסף דעם מלך, וואָס לייגט אויס חלומות. –

לויפט אַ יאָר נאָך אַ יאָר און עלטער ווערט דער יונג,
אין חדר גיקומען איז ער אַליין
און פאַרנומען חומש־ניגונים אין גיהיים. –
קיין תכלית איז אבער צו עסן ביי יענים
און טרונקין וואַסער אינים ברונים פון גינאָד;
נעמט ער צוויי עמערס און פאַרקויפט זיינע הענט
צום וואַסער טראָגן...

...רינין אָפּ יאָרן, ווי דאָס וואַסער
פון אים גיטראָגן...
און שמש ווערט בערל אין שטאָטישער שול.
ער קלאַפּט מיטן האַמער אין ערב־שבתים
און וועקט צו סליחות די יידן פון שלאָף.

* * *

ביטער איז די צייט און גרויס איז די שנאה,
וואָס ברענט ווי אַ פייער אַרום יידישע צעלטן. –
גיקומען אַ קללה אויפן געטלעכן שטאַם
אין אַלע מדינות און וועלטן. –
טרויעריק גייט בערל זיין וועג צו דער שול.
זיינע אויגן: שפּיגלען פון יידישן אומיט
און זיין מויל: אַ קוואַל וואָס ברויזט און ברויזט:
„אוי ג–ט׳ ג–ט, וואָס האסטו מיט אונדז גימאַכט...״
שרייט ער כּסדר און זיינע שוואַרץ־אַפּלין
צופינקלין זיך מיט צער פון אַ קינד,
וואָס קען נישט פאַרשטיין דעם אומרעכט פון וועלט. –

ס׳לויפט אַ יאָר – אַ פייל פון צייט־בויגן
און שטאַרק איז די נויט ביי בערלין דעם טרעגער,
נאר שטאַרקער פון איר איז דאָס לעבן אַליין. –
ס׳איז חנוכּה גיקומען צום יידישן דלות.
היייליק טראָגט בערל ס׳וואַסער און גלייבט
אַ רגע אַ יעדע מיט בוימל גיפילט ס׳ווערן די עמערס
און ער וועט אַרומגיין אין אָרימע גאַסן
פאַרטיילן דעם אייל אין היייזער פון נויט.
אַט איז שוין ס׳אַכטע לעמפּל אין ברען
און ס׳וואַסער איז וואַסער נאָך אַלץ כּסדר.

דרוקט בערלין דער ווייטיק און זיפצט:
„נישטאָ קיין נסים אין אונדזערן דור.״ –

* * *

צווישן זקנים ביים אויוון ס׳זיצט בערל
די אויגן פאַרטרוימט און די אויערן אַנ׳אָפּגערונט,
וואָס פאַרשלינגט מעשיות פון הייליקע יידן,
וואָס האבן גילעבט און זייער לעבן אַ קרבן
פאַר יעדן, וואָס ליידט און נייטיקט אַ הילף. –

* * *

נאר אַמאָל ביים תהילים פאַרגעסט ער אין אַלים
און גלייבט: מיט דוד המלך רעט ער אַליין.
אַ מאָדנער שיין באַשטראַלט זיין גיזיכט
גלייך ס׳האט בערל דעם טרעגער דערזען,
ווי פון דערלייזונג גייט אויף ס׳ליכט...

# פון היים צו וועלט...

### (איינדרוקן פונים לעצטן סיום אין בית־יעקב־סעמינאַר)

מ׳הערט נישט מער ווי דעם איינים רוף פון אַלע זייטן: סיום, סיום... ס׳דאַכט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור, די מיט די וואַלד־בלעטער זינגען דאָס ליד פון סיום, דער טייך וועבט די מעלאָדיע פון סיום, דאָס ווינטל פייפט אויס דאָס זעלבע, עפּיס אַלץ הויכט מיטן זעלבן, אומיטום שרייט און רוישט סיום... סיום...

סיום... און טאַקי היינט איז דער סיום און מיט אים ענדיקט זיך די „גאָלדענע תקופה״ פון אונדזער לעבן. סיום – דאָס בלויזע וואָרט וואַרפט אָן אַ מאַסע גידאַנקען און עס צווינגט ממש אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון פון וואַנען מיר גייען אַרויס און וואו מיר טרעטן אַריין.

צוויי יאָר גילעבט אין אַ סביבה פון וואַרים יידישקייט, צוויי יאָר גישטאַנען אונטערן דיקטאַט פון לערערנס, גיהאַט דערציער אויף שריט און טריט (נישט בלויז פון דער קאַטעדרע). צוויי יאַר גילאָזט זיך משפּיע זיין פון תורה. אַ קוואַל פון מוסר, אַ קוואַל פון חכמה אַ קוואַל, פון ידיעות און יידישע השקפות, אַ קוואַל פון אַלים, וואָס איז אַזוי נייטיק פאַרן מענטש – האבן מיר באַקומען אין סעמינאַר. אַ חוץ דעם, ווי גיוואַלטיק שטאַרק ווירקן די נעבן־מאָמענטן, ווי למשל די שמועסן, וואָס רירן ביז גאָר מיט זייער פשטות און זיכערקייט, ווען מע פילט, אַז ס׳רעט אַ יידיש האַרץ, פול מיט ערנצט און גיטריישאַפט. אַלס קאָנסעקווענץ דערפון, דרינגט אַרויס, אַז מע קען נישט שטיין בלייבן גלייכגילטיק צום גיהערטן. די ידיעות טוען ציטרייסלין. ווען מע דערפילט זייער גיוואַלדיקייט און מ׳הערט אויף צו שטיין פאַר זיי ווי פאַר ידיעות. נאר ממש ווי פאַר וואונדער. די זעלבע ידיעות האבן מיר אפשר פון פריער גיהאַט, נאר דאָ האט מען דערפילט זייער מציאות און זייער גראַנדיאָזיקייט (אויף וויפיל ס׳איז אונדז מעגלעך גיוועזן). די איבערלעבונגען פון סעמינאַר זענען אַ לימוד פאַר זיך, וואָס קריצט זיך איין טיף ביז גאָר און לאָזן מאַנכע מאָל איבער אַזעלכע שפּורן ווי איינגיוואָרצלטע לעקציעס.

יעצט, מיט אַט דעם באַגאַזש אַרויס אין דער וועלט. סעמינאַר איז נאר אַ קורצער תקופה און אין דער גרויסער וועלט וועט מין דאַרפן זיין דורכן גאַנצן לעבן. מיר ווייסן דאך, אַז די וועלט איז דער היפך צום פּנימיות־לעבן אין סעמינאַר און נאָכמער אונדזער אַרביט גייט אין דער ריכטונג צו אַרביטן איבער די טיילווייז פאַרסמטע גיוויקסן. און מיר מוזן דאך גידענקין, אַז אַ מענטש איז אַזוי אויסגישטעלט בטבע, אַז ביי דער גרעסטער קאָנצענטרירונג איבער דעם באַקומין נים אמת, זאָלן דאך קליינלעכע מאָמענטן אַפילו, וועלכע ער וואַרפט אָפּ מיט זיין שכל האבן אַנ׳איינפלוס אויף דער פּסיכיק און מע זאָל גישטעלט ווערן אונטערן רושם פון אַט די גיוויסע סיטואַציעס.

מיר מוזן דעריבער האבן דעם כּוח פון אַ קעגנשטעלן זיך אייגינע שוואַכקייטן און סכנות פון דער דרויסן וועלט. סעמינאַר האט אונדז די כּוחות גיגעבן, ס׳איז נאר די פראַגע פון גיהעריקן אויסנוצן זיי. דער סיום איז דער פאַרמיטלונג מאָמענט צווישן עבר און עתיד און פון אים דערוואַרט אין חיזוק.

* * *

די זון וואַרפט אירע לעצטע שטראַלן, זי קאַלערט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַראָפּ, ווי ס׳וואָלט איר שווער גיוועזן צו גיזעגנין זיך מיט דער ערד, זי טונקט זיך אַלץ מער און מער איין אינים בלאָען ים־הימל – עס צוגיסט זיך דער הימל אין האַרמאָנישע קאָלירן, ווייסע וואָלקנדלעך שווימען זיך אויפן טונקל־בלאָען האָריזאָנט... שוין די לעצטע זון־שטראַלן טאַפּיען זיך אין טייכל... און די הויכע שפּיצן־באַרג פאַרדעקן די איבריקע – די נאַטור פאַרהילט און אַנ׳אידיליע הייבט אָן איר פאַרנאַכט־דרימל, אַ זיסע מעלאָדיע צוגיסט זיך אין וואַלד פון די רוישיקע בלעטער, די לייכטע וואַסערן אָן גירויש פליסן רואיק נישט צו שטערן די נאַטור־תפילה פון בין־השמשות. אַלץ שלאָפט – די נאַכט שפּרייזט אויס אירע גראָע פליגל, דער הימל ענדערט זיין לבוש – ער קליידט זיך אָן אין אַ סאַמיטינים מלבוש אויסגישטיקט מיט גינגאָלד־שטערנדלעך. שטיל איז כּסדר, שטיל, אבער פאָרט אָטעמט מין, ס׳איז אַ לעבן, אפשר גראָד דעמלט, ווען אַרום איז שטיל קען מין זיך אויסלעבן – – – און באמת לעבט יעצט יעדע איינע פון אונדז איבער עפּיס, וואָס קען נאר איינמאָל איבערגילעבט ווערן, נאר איינמאָל און נישט מער. נאר איינמאָל איז דער סיום...

7 אַ זייגער אָוונט, מיר שטייען שוין אַלע גרייט צו גיין, אַ דאָצענטן גייט פאַראויס און מיר אַלע גייען נאָך, טריט ביי טריט, האַנט ביי האַנט מיט בלאַסע פּנימער און קלאַפּנדיקע הערצער רוקן מיר זיך פאַראויס. אַנ׳אויסגישטערנטער הימל איבער אונדז, דער אָפּשיין פון דער לבנה באַלייכט אונדזער וועג – און מיר גייען צום יום־טוב, שטיל אָן ווערטער פאַרזאַמלט מין זיך אין זאַל, מיר זעצן זיך, אבער מע קען פאָרט נישט דערזיצן, עפּיס אַ טיפע ערנצטקייט האט זיך צולייגט אויף אונדז, עפּיס ציט, עפּיס רייסט זיך פון אונדז אַרויס: שמחה, פּחד, תשוקה צו עפּיס הייליקס...

ענדלעך זעצן מיר זיך מסיים צו זיין תורה. מ׳הערט אַ שטאַרקע שטים: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים״... אַ נביא מיט אַזאַ גראַד נבואה ווי משה וועט שוין נישט זיין מער און דער משה אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים, ער האט אונדז די תורה איבערגיגעבן – איז די בעסטע גאַראַנטי פאַר אומפאַרענדלעכקייט פון דער תורה, ווייל אויב ס׳וואָלט גיקענט זיין עפּיס גיענדערט, וואָלט גימוזט פאַרקומען נאָך אַמאָל דער אַקט פון מתן תורה און ס׳וואָלט זי גימוזט געבן נאָך אַזאַ נביא ווי משה – אבער לא קם נביא עוד בישראל כמשה. דערמיט ווערט תורה נישט גיענדערט אויף אַ האָר, יעדע נקודה איז קודש קדשים. משה איז דער איינציקער אין זיין פּערזענלעכקייט, קיינער וועט מער נישט אויפשטיין אַזעלכער מיט די אַלע וואונדער אשר עשה משה לעיני כל ישראל! אין דעם מאָמענט גיט יעדע איינע אַ בליץ אין קאָפּ: צי איז די וועלט מסכים דערמיט? אבער באַלד הערן מיר: חזק! חזק! ונתחזק!

אינם ליכט פון אמת מוז דאָס פאַלטשע אין שאָטן גישטעלט ווערן!

היינט איז אבער דער סיום, שוין דער סיום. עס מוז דעריבער פאָרט ביי דער גרעסטער שמחה, זיך באַווייזן טרער אין אויג... פאַרלאָזן די נשמהדיק נאָנטע... ווי שווער איז דעם גידאַנק סובל צו זיין! פון אַלימען הערט מין אַזוי פיל וועגן סעמינאַר, און מיר, שוין אַרויס פון דאָ...

...„מיר גייען פון דער היים אין דער וועלט אַריין, אין דער פרעמד – רופט אויס אַ שילערין אין איר גיזעגינונגס־רעדע – דערפאַר מוז מין זיך שטענדיק האַלטן, שטענדיק וואַכזאַם זיין און האבן אַנ׳אחריות־גיפיל פאַר זיך און אַנדערע, כדי פעסט צו בלייבן קעגן אייגינע שוואַכקייטן און סכנות פון דער דרויסן־וועלט. און אחריות קען מין נאר דערטראָגן ביי אַנ׳ערלעכן רצון – און זי פאַרענדיקט מיט טרערן אין די אויגן – און אַ גיפיל פון אַ מענטש, וואָס דערשפּירט, אַז מ׳האט אין אים דערוועקט אַ רצון צו עפּיס גוטס, קען קיינער נישט דערפילן אויסער דער באַטרעפנדיקער פּערזאָן... און יעדיס איינע וועלן אויסדרוקן אַזאַ גיפיל מינערט די שטאַרקייט און וואַקיקייט פון דער זאַך... און דאָס, וואָס מיר וואָלטן יעצט גידאַרפט זאָגן זאָל זיך אַרויסווייזן אין אונדזער צוקונפטיקע אַרביט, דערצו בעטן מיר אַ סייעתא דשמיא!

גירירט האבן די ווערטער ביז גאָר. יא, אַ רצון צו זיין העכער איז דאָ, נאר כּוח דערצו?

מיר דערהערן באַלד שטאַרקונגס־ווערטער פון דירעקטאָר ה. אָרלעאַן. אין זיין רעפעראַט שטיצט ער זיך אויפן פּסוק: „וירא מנוחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבול״... מיר באַקומען חיזוק און כּוח צוגלייך פון דעם אַלים, וואָס

## פון אנדזער ספרים־שאַנק

גיזאַמלט און איבערזעצט פון **א. שנור**

# די בריאה אַלס דער וועג צום דערקענען די ג־טלעכע חכמה

(פונים ספר „חובת הלבבות)

## שער הבחינה

### פרק ראשון

זאָגט דער מחבר:

**דער** אופן פון מבחין זיין — וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גירעדט אין דער הקדמה — איז דאָס באַשאַפן די ברואים, יעדער לויט זיין שכל און השגה. וואָרן אין יעדער זאַך פון דער בריאה זענען פאַראַן סימנים פון די ג—טלעכע חכמה אין וועלכן מע קען זיך פאַרטיפן און דורך זיי קומען צו אַ שטיקל השגה וועגן חכמת השם.

אויף אַזאַ אופן קען מען באַטראַכטן אַלע באַשעפענישן, כאָטש אין יעדן פון זיי שטעקט אַ באַזונדערע חכמה און אַ באַזונדערן כוח וואָס דרוקט זיך אויס דורך זייער פאַרשידנאַרטיקייט און פאָרמען. אָבער די אַלע חכמות און כוחות קומען פון איין האַנט, אַלץ ווערט גיפירט פון איין און דעם זעלבן מסבב כל הסבות און אַט די האַנט האָט דאָס טאַקי אַזוי איינגיטיילט צו יעדן זיין באַזונדערע חכמה, פאָרים און באַשטימונג.

למשל: פון דער איינער זון ציען זיך אַ סך שטראַלן און אויב מיר קוקן אויף פאַרביקע גלעזער, ווערט זייער צורה גיענדערט לויט די פאַרב פון גלאָז: ווייס, רויט, גרין אאַ"וו. אָדער נעמט למשל וואַסער און באַגיסט דעם גאָרטן, מיט זיינע פאַרשידן־פאַרביקע פלאַנצן און בלומען, וועט איר זעען ווען דאָס וואַסער וועט קומען אויף די פלאַנצן, וועט עס ענדערן איר צורה אויף די מראה און פאַרב פון די בלום.

דאָס וואָס די חכמות זענען אַזוי פאַרשידנאַרטיק בײַ יעדער בריאה באַזונדער גיט אַ גרעסערע מעגלעכקייט צו באַטראַכטן און פאַרטיפן זיך דערין, אַלזייטיקער און גינויער, אַזוי, אַז יעדער קלענצטער פרט זאָל ווערן אַנאַליזירט און גיפאָרשט ביז אַלע ספקות וועלן פאַרשוואונדן, ביז אַלץ וועט קלאָר פעסטגישטעלט ווערן און אָפן זעען זאָל מען די חכמה פון דער השגחה עליונה וואָס ליגט דערין.

נאָר צוליב דעם, אַז דער מענטש זאָל פאַרטיפן און אַליין מיט אייגינים פאַרשטאַנד דערגיין דעם סוד און די חכמה פון ג—ט, נאָר צוליב דעם, האָט די השגחה העליונה אַזוי פונאַנדערגיטיילט אַלע ברואים, גיגעבן צו יעדן אַ באַזונדערן כוח און פאָרים. וואָרן וואָלטן אַלע ברואים גיהאַט די זעלבע חכמה, וואָלט זייער לייכט גיוועזן פאַרן נאַר און פאַרן קלוגן, צו דערזעען די חכמה פון דער השגחה. נאָר ג—ט וויל אַז דער מבחר הבריאה, דער מענטש, זאָל ווידמענען זיין שכל, האַרץ און מוח, די פאָרשונג פון זיין וועלט און שאַפן. ער זאָל זיך אַ ביסל באַמיען, אָנשטרענגען און אַליין אַנטפלעקן די הויכע חכמות וואָס אין דער בריאה. זיך אָפּשטעלן בײַ יעדער זאַך באַזונדער און דערגיין וואָס אַמאָל נייע סודות, און דערפאַר איז די פרייד פון גיפונען, די פרייד פון אַנטפלעקונג — שטאַרקער און פילבאַרער.

אפילו דאָס וואָס יעדער זאַך אונטערליגט אַ באַזונדערע חכמה און כוח, איז אויך אַ באַווייז פון די השגחה פרטית, וועמענס אויג ס'וואַכט איבער יעדע זאַך באַזונדער. למשל אויב מע טוט כסדר איינע און די זעלבע אַרביט, באַווייזט ער דערמיט זיין נישט־באַהאַלפנקייט אָדער נישט־צופרידנקייט מיט די אַרביט. זיין טוען איז דעמלט ווי ס'וואָלט גיוועזן גיצוואונגען, אָן איבריקן חשק און אייגינע איניציאַטיוו ווי פייער וואָס קען נישט מער ווי ברענען, ווייל אַליין קען עס נישט ענדערן זיין באַשטימונג. אָבער דער וואָס אַרביט פריי, לויט אייגינים רצון און מיט חשק, אַזאַ איינער קען ענדערן פאָרמען אויף פאַרשידענע אופנים, אַזוי אַז ס'זאָל אַרויסקומען דאָס וואָס ער וויל. אָבער אויך אַ מענטש קען נישט האַנדלען אין גאַנצן פריי, דען די אַרביט זיינע ווערט צוגיפאַסט צו די באַדינגונגען אין וועלכער ער לעבט און גיפינט זיך, לויט דעם סטיל וואָס איז אָנגינומען פון דער גיזעלשאַפט, אַזוי אַז אפילו זיין „פרייע" אַרביט איז אויך אַ פועל־יוצא אָדער אַ מיטל צו עפּיס, צו וועלכן ער מוז זיך צופאַסן און אַזוי אַרביטן, אַז ס'זאָל דערגרייכט ווערן און גיווינען די אָנערקענונג פון דער סביבה. אָבער ג—ט וואָס איז פריי פון יעדער השפע, הינטערליגט נישט קיין באַדינגונגען. ער איז גאָרנישט אָפּהענגיק און צו גאָרנישט אויפגיצוואונגען, האָט ער טאַקי אַזוי באַשאַפן. אַזוי פאַרטיילט די באַשטימונגען און כוחות, לויט זיין פרייען נישט־גיצווימטן רצון און אַט אַ דאָס טאַקי די פאַרשידן־פאַרביקייט באַווייזט אויף זיין גרויסער חכמה, דען נאָר ער, דער כל יכול קען אַזוי פונאַנדערטיילן, אַזוי פאַרשידן מאַכן, סיי אין דער פאָרים סיי אין דעם כוח, און דאָך זאָלן די אַלע פאַרשידענע פאָרמען און ברואים ווערן אָנגיפירט, אין אַלע צייטן, אין אַלע זייערע ניואַנסן — פון איין פירער, פון איין חכמה עליונה. ווייל זיין ווילן איז אַ פרייער, אַ נישט אונטערגיוואָרפינער ווי ס'שטייט: (תהילים קל"ה) „אַלץ וואָס ג—ט וויל האָט ער באַשאַפן אויף הימל און ערד", ווייל אַזעלכע עקסטרעמען ווי הימל און ערד, פייער און וואַסער און אַלץ, אַלץ וואָס מיר באַגרייפן און וואָס מיר באַגרייפן נישט און אַט דאָס אַלץ ווערט גיפירט לויט אַ פעסטן פלאַן, ס'איז אונטערגיוואָרפן סדר און האַרמאָניע, יעדער מיט זיין גרעניץ און אָרט. דאָס אַלץ מוז פירן דעם ערנצטן מענטש צום פאַרטיפן און פאַרטראַכטן און אַזאַ פאַרטיפונג ברענגט צו דער הכרה, צום דערזעען דעם בורא, די האַנט וועלכער פירט אָן מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, צום פילן די בליקן וואָס וואַכן מיט אַן־איבערגיגעבענע זאָרגפעליקייט אויף דאָס קלענצטע ביז צום גרעסטן, צו הערן די שטים וואָס באַפעלט, אָרדנט און שאַפט — די שטים פון ג—ט.

מיר האָבן נאָר אָנגיוויזן אויף איין אופן פון מבחין זיין. אַט אויף אַזאַ אופן קען דער מענטש דורכן ערנצטן פאַרטיפן זיך. דערגיין די חכמה וואָס שטעקט אין דער בריאה און דורך דעם וועג האָבן אַ שטיקל השגה וועגן די חכמת השם, וועגן זיין גדלות און איינציקייט, דען צו די גאַנצע חכמה, צום דערגיין איז גאַנצן די אַלע סודות פון דער בריאה און זיין גדלות. אַט צו דעם תכלית אין שלימות — וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגרייכן, נאָר יעדער לויט די מעגלעכקייטן און שכל, דאַרף זיך פאַרטיפן אַזוי, אַז ער זאָל דורך וועלכן אופן, דורך יעדער זאַך פון דער בריאה קומען צו דער הכרה, אַז ג—ט איז אַ יחיד ומיוחד און אָן זיין כוח איז אַלץ גאָר מיט גאָרנישט.

---

די דאצענטנס געבן אונדז יעצט מיט אין די לעצטע מינוטן — דער עולם ווערט באַגייסטערט, מע הייבט אָן זינגען „לפניו נעבוד ביראה ופחד", תחילת שטיל, וואָס אַמאָל העכער, בעטנדיקער, שטאַרקער, ווי אַ הייסע תפלה ווערט עס, עפּיס אַ אויסערגיוועינלעכע בענקשאַפט נעמט אַרום צו קענען דינען ביראה דעם בורא...

דער ניגון ווערט מיטרייסנדיקער, שטאַרקער, תחנונימדיקער, מע קען נישט איינזיצן... טאַנצן.., מע טאַנצט, מע זעט שוין פאַר זיך גאָרנישט, גאָרנישט. עס טאַנצט זיך אַליין, דער טאַנץ ווערט כסדר שטאַרקער, גאָר שטאַרק. אַ יידישע שמחה מיטן גאַנצן יוגנטלעכן כוח! דערהויבינע שעהן — העכער פון ידיעה, העכער פון ווארט...

אין מיטן טאַנץ געבן אויך לערערנס אונדז צו די לעצטע שטאַרקונגס־אַקאָרדן. עס פעלט נישט מער ווי דאָס ווארט פון פרוי שענירער ע"ה, אָבער איר מוטערלעכער ברכה שיקט זי זיכער און איר וואַרימקייט באַגלייט אירע תלמידות — דעריבער אויך בשמחה!

אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו!!!

צום לעצטן מאָל זענען מיר דאָ אַלס שילערנס, נעמען צוזאַמען די ברכות פון אונדזערע דערציערס — דערנאָך אַן־אַנדער צוזאַמען זיין, אַ שטאַרקע נשמהדיקע פאַרבינדונג דורכן פריער דורכגילעבטן און דורך די עתיד־אַרביט וואָס ווערט אונדז אַלימין גלייך צוטיילט — דאָס וועט ברענגען אַ התקשרות אין עתיד, אשרנו! אשרנו! און נאָכאַמאָל אשרנו! מיר פילן אין זיך כוח און קוראַזש צו דער שווערער אחריותפולער אַרביט, ליב איז זי אונדז, מלא שמחה גייען מיר איר אַקעגן.

* * *

די פינצטערניש צוגייט זיך שוין, עס ענדיקט זיך די נאַכט — אויך מיר צוגייען זיך שוין, אָבער דער סיום גייט מיט אונדז מיט, מיט דער סעמינאַר־השפעה, מיטן כוח פון סיום טרעטן מיר אַריין אין דער וועלט און בעטן השי"ת מיר זאָלן מצליח זיין.

**לאה הורוויץ — ש. מ. פאדעמבסקאַ.**

---

# מיר מוזן ווערן דאָס, וואָס מיר מוזן זיין!*)

## פון פעסא נאַשעלסקא

**פאַראַן** בײַ יידן אַ כלל, אַז דאָס נאָכזאָגן אַ ווארט פון אַ נפטר, איז פאַר אים אַ זכות און דעריבער האַלט איך פאַר פאַסיק צו דערמאַנען דאָ דאָס ווארט פון נתן בירנבוים ע"ה וואָס ווערט דערמאַנט אינים יובֿילעאום־בוך, וועלכעס איז דערשינען לכבוד זיין זעכציק יעריקן יובל. דאָרטן דערציילט הרב יוסף לעוו, אַז ד"ר בירנבוים האָט זיך פאַר אים אויסגידרוקט צוו. אַנד.: „צי זענט איר אַ מבין אויף די שיינקייט פון פ' ואתחנן, ווען מע וואָלט מיך גיפאַלגט, וואָלט איך גיהייסן, אַז בײַ יעדן ייד אין שטוב זאָל אויף די וואַנט העַנגען אַן־אויפשריפט פון פ' ואתחנן, וואָלט מען גיוואוסט וואָס אַ ייד איז, וואָס ער דאַרף זיין און ווי ער דאַרף זיך פילן" און אַט שטעלט זיך די שאלה: למאי האָט ד"ר בירנבוים זיך אָפּגישטעלט נאָר בײַ די איינע פרשה, אין דער צייט ווען בײַ אונדז איז דאָך אַלץ שיין, די גאַנצע תורה איז דאָך איין גאַנציס, וואָס לערנט דעם ייד זיין אויפגאַבע אינים לעבן. לויט מיין מיינונג האָט דער פסוק: „ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים" אַזוי גיווירקט אויף בירנבוימען. ער, דער גרויסער זוכער, האָט גיוואָלט פאַרווארצלען די פעסטשטעלונג, אַז נאָר די תורה איז אונדזער חכמה און בינה, אַז נאָר די תורה איז די קולטור פון אונדזער פאָלק און אַזאַ פעסטשטעלונג נוצט דערצו, ווייל ווען מע וויל דערקענען אַ פאָלק, זיין תוכן און ניווא, ווען מע וויל באַהאַנדלען און אורטיילן וועגן גיוויסע גישעענישן בײַ אַ פאָלק, מוז מען זיך קודם־כל באַקענען מיט זיין קולטור.

אָבער דאָס — איז אויך נישט גינוג, דען די פעלקער־קולטורן זענען על פי רוב די שאַפונגען פון פאַראיינצלטע מענטשן פון יחידי סגולה און נישט פונים פאָלק. פאַראַן גאָר פיל פעלקער וועלכע האָבן פון זיך אַרויסגיגעבן געניאַלע מענטשן און דאָך איז דאָס פאָלק ווייטער פאַרבליבן נישט־קולטורעל און אַ גיוויסע מאָס אפילו באַרבאַריש. אַט למשל: פאַרנעמט די רוסישע ליטעראַטור אַזאַ חשוב אָרט צווישן די וועלט־קלאַסיקער, דאָס רוסישע פאָלק האָט אַרויסגיגעבן אַזוי פיל גרויסע דענקער און דיכטער און דאָך איז דער גרויסער רוב פון פאָלק פאַרבליבן ווייט נישט־קולטורעל און נישט־גיאיידלט.

די סיבה דערפון לאָזט זיך דערקלערן דערמיט וואָס בײַ די אומות העולם ווערט אָפּגיטיילט פאָלק פון קולטור, דאָס פאָלק איז נישט אָפּהענגיק אין זיין קולטור און נישט די קולטור—פונים פאָלק. די קולטור דאַרף זיך נישט רעכנען מיטן פרט, ווייל זי שטייט העכער פונים לעבן און פריוואַט־מענטש, אַט אַזאַ איינשטעלונג איז גורם, אַז די קולטור שטייגט איבער דאָס פאָלק און בלייבט דערווייטערט פון זיין מהות. זי קען דעריבער נישט האָבן די גיהעריקע השפעה אויף די מאַסן און באַאיינפלוסן זייער אָרט לעבן און דענקן. אפילו דער קרייז וואָס רעכנט זיך שוין פאַר די „קולטור־טרעגער", בלייבן אין אַ גיוויסער מאָס דערווייטערט פון דער קולטור און פרעמד פון איר תוכן און זייער פריוואַט־לעבן און האַנדלונגען שטייט אָפט אין אַ בולטער סתירה צו דעם וואָס רופט זיך — קולטור.

ס'האָט אַמאָל אַ גרויסער מענטש זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט, דעם אונטערשיד צווישן אונדזער אָריגינעל־יידישער און זייער וועלטלעכער קולטור, מיט פאָלגענדן אויסדרוק „בײַ אונדז ווילט זיך וואָס ס'שכלט זיך, בײַ זיי שכלט זיך וואָס ס'ווילט זיך". ס'איז זיכער, אַז נישט אַלץ וואָס דער מענטש וויל, איז גוט און ריכטיק, אָבער אויך נישט אַלץ וואָס דער שכל דיקטירט איז שטענדיק לאָגיש און אויסגיהאַלטן. בײַ אונדז איז אָבער דער שכל אונטערגיוואָרפן אַ העכערן דעת, פון אַ ג—טלעכן שכל, צו אַט דעם שכל פאַסן מיר צו אונדזער רצון און לעבן. נישט אַזוי ווי בײַ די אומות־הצולם, וואָס פאַסן צו זייער קולטור צו די באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבן. כדי צו זעען וואָס פאַר אַ פנים ס'האָט דאָס צופאַסן אַ קולטור צו די אַלטעגלעכע באַדערפענישן פונים מענטש, איז גינוג צו דערמאַנען דעם דועל, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ מיטל פון באַפרידיקן די גידריקסטע חיהשע אינסטינקטן פון מענטש, האָט מען עס אַזוי מאָדיפיצירט אַז ס'איז גאָר געוואָרן אַ קולטור־אַקט פאַר „הויכער" גיזעלשאַפט. אַזוי זעט אויס אַ קולטור וואָס באַווירט אויף די לאָזונג פון „ס'שכלט זיך וואָס ווילט זיך". אָבער מיר, דאָס יידישע פאָלק לעבט מיטן דעוויז פון „בטל רצונך מפני רצונו", בײַ יעדער שאלת־החיים איז דאָמינירנד דער דין תורה. בײַ אַזאַ לעבן איז שוין נישט מעגלעך אַזאַ „קולטורעלע" באַרעכטיקונג אויף מאָרדן און רויבערייען, ווייל אַלץ וואָס איז פאַרבינדן מיט גזל און שפיכת־דם איז שטאַרק פאַרבאָטן פון אונדזער תורת־חיים און מיר קענען אַליין גאָרנישט זיך דעצידירן בײַ קיין שום פראָבלעם. אַלץ אונטערליגט די תורה־דעציזיע און דאָס איז אונדזער שטאַלץ, אַז מיר גייען אינים אָנגיצייכנטן וועג פון דער תורה. ס'איז אונדזער גרויסן זיך מיטן עבר און אונדזער יסוד אויפן עתיד, „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", אפילו די „עיני" העמים, די פירער און וועג־ווייזער פון די אומות־העולם וועלן מודה זיין אַז די תורה איז די גרעסטע חכמה ובינה און יידן זענען דאָס גרעסטע קולטור־פאָלק אין דער וועלט.

אמת, ס'איז טאַקי גיוועזן צייטן ווען פאַר די „עיני העמים" האָט די תורה גיגאָלטן אַלס חוק און זיי האָבן פיל פון איר איבערגינומען. אָבער יידן? מיר יידן? צי האָבן מיר די גאַנצע צייט גיהאַלטן און האַלטן אַז די תורה איז די גרעסטע חכמה?

זכר ימות עולם בינו שנות דור ודור, לאמיר נאָר אַדורכבלעטערן די גישיכטע, וועלכע דערציילט אונדז וועגן אַן־השכלה־באַוועגונג בײַ יידן. „ליכטיק" מאַכן די „פינצטערע" יידן — האָט מען גיוואָלט, מיר דאַרפן זיך גיין לערנען בײַ די אומות־העולם, נאָכמאַכן זיי. מ'האָט אפילו נישט גיפילט אַז דאָס בלויז גלייכשטעלן אונדזער גרויסע קולטור מיט זייערע, איז שוין דעגראַדירט דאָס אייגענע, טאַ, ווי נאָך איז, ווען מע שטעלט זייערס העכער ווי אונדזערס?

די קאָנסעקווענצן דערפון זענען באַקאַנט, מענדעלסאָנס יורשים האָבן זיך אַלע גישמדט. דער משכילישער טייל האָט איבערגינומען אַ נייעם לבוש,—„נאַציאָנאַליזם" אָדער מאָדערנע יידישע קולטור". מ'האָט אָנגיהויבן צו טומלען וועגן ווידער־אויפלעבן, רענעסאַנס און דערבײַ פאַרגעסן אַז ווידער־אויפלעבן קען מען נאָר אַ טויטן, אָבער דאָס יידישע פאָלק לעבט. אַזוי גוט ווי זיין אייביק נייע קולטור און דאַרף נישט קיין ווידער־אויפלעבן.

אָט דעם דאַזיקן אמת האָט צוריק אַ שליידער גיטון פון וואו ר'איז גיקומען צו אגודת־ישראל, וועלכע האָט הויך אויסגירופן: אַז דאָס פאָלק ישראל און זיין קולטור—לעבט, מיר זענען גיוועזן דאָס ערשטע קולטור־פאָלק, מיט אַזוי פיל שיינקייט אין לעבן וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין צומישונגען.

אגודת ישראל האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטקייגן גישטעלט יעדער אָרט פון סינטעזירן ייד מיט גוי, אגודת ישראל האָט מיט באַנייטע כוחות אויסגישריגן דעם „ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים".

אָבער צו ווייסן אַלע פאַקטיש, וואָס איז דער ציל פון אגודת־ישראל? צי פילן אַלע, אַז דאָס שאַפן די אגודת־ישראל איז גיוועזן אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט? צי פילט מען אַז אגודת־ישראל איז אַ פאָלקס־באַוועגונג, ווייל נאָר זי האָט אין איר פּראָגראַם דאָס, וואָס פליסט פון די טיפענישן פון עם ישראל? צי פאַרשטייען די יידישע מאַסן, די וויכטיקע ראָל פון אגודת־ישראל אין דער וועלט?

מיר רעדן דאָ נישט פון געגנער, וועלכע ווילן נישט פאַרשטיין, מיר רעדן דאָ פון די תמימותדיקע פשוטע יידן, צו פאַרשטייען זיי?

אויף דעם מוז לײדער ווערן גיענטפערט: ניין!

פאַרוואָס? פאַרוואָס פאַרשטייען זיי נישט?

אַלס ענטפער דערויף וועל איך דערמאָנען די ווערטער פון דיר. בערלינער, וועלכער האָט עס גישריבן אין זיין הקדמה צו דער בראשור „וואָס ווערט זיין מיט די כנסת־ישראל": „אידעע איז אַ פונק, אַ נשמה פון אַ באַוועגונג. יעדער פונק, אויב וויל ער צוטראָגן ווערן מוז ער האָבן אַ ווינט, וואָס זאָל עס צוטראָגן? איז דער תירוץ: פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע איז דער ווינט וואָס צוטראָגט דעם פונק און פאַרוואַנדלט אים אין פלאַמען. אויב מע זעט אַמאָל ווי גרויסע גידאַנקען, שיינע אידעען ווערן נישט פאַרווירקלעכט איז אַ סימן, אַז עס איז נישט ווי גיהעריק פּראָפּאַגאַנדירט גיוואָרן". און דאָ קומט טאַקי דער

---

*) פרעסע־רעפעראַט, גיהאַלטן אויפן בנות־קאָנגרעס אין לאָדזש. צוליב טעכנישע סיבות איז דער רעפעראַט נישט אַריין אינים פריערדיקן קאָנגרעס־העפט.

ענטפער, אז אויב אגודת־ישראל האט נאך נישט באוויזן צו געווינען פאר זיך דאס גאנצע, אדער א מערהייט פון יידישן פאלק, איז עס נאר דערפאר, ווייל ס'איז נישט ווי געהעריק פראפאגאנדירט געווארן. אגודת־ישראל האט א שוואכן צוטריט צום פאלק, דען דער וועג וועלכער פירט דירעקט צום פאלק און וועלכער איז בכוח אנ'אידעע איינצופלאנצן, פלעגן און פארטיפן איז אן שום ספק ליטעראטור און פרעסע און ווען א באוועגונג פארמאגט עס נישט איז זי אויסגישטעלט צום אונטערגיין.

און איצט פרעגן א סך: אויב אגודת־ישראל האט אין איר פראגראם די תורה, נו, צו דארף מען נאך היינט פראפאגאנדירן די תורה?

אמאל — טענהט א פשוטער ייד — האט מען גארנישט אזוי פיל גירעדט וועגן לימוד־התורה און — מ'האט מער גילערנט ווי היינט. טא, צו וואס די פראפאגאנדע? צו וואס — פרעגן א סך — נוצט א ליטעראטור און פרעסע, וואס זאל ערשט פירן צום ספר, אין דער צייט ווען ביי א געהעריקן רצון, קען מען גלייך צוגיין צום ספר. נאר אזוי זאגן קען נאר אזא איינער, וועלכער זעט נישט די מיטלען, מיט וועלכן ס'באנוצן זיך די היינטיקע פרייע, כדי אוועקצושלעפן פון ספר און מיר מוזן איינשפאנען אט די זעלבע מיטלען, אין דער מלחמת־מצווה פאר תורה.

אמאל האט מען נישט באדארפן קיין פראפאגאנדע פאר תורה. דאס יידישע קינד האט אומיטום גילערנט תורה. ס'איז גיווען א שטיק פון זיין עצם, פון זיין חיות און אויב דער ייד האט זיך דערווייטערט פון תורה, איז ער אויך אוועק פון זיך אליין, פון זיין אינערלעכקייט. מיט איין ווארט: ס'איז גיווען נאטירלעך און זעלבסטפארשטענדליך א יידיש תורהדיק לעבן. אבער ווי זעט עס היינט אויס־ גרויסע יידישע באוועגונגען זענען פאראן אן תורה.

און דאס אלץ האבן מיר צו פארדאנקען די גיוואלטיקע השפעה אין פארשפרייטונג פון דער פרייער ליטעראטור און פרעסע, נאר זיי האבן עס גימאכט דעם גרויסן ריס אינים יידנטום. זיי, מיט זייער פראפאגאנדע־אפאראט האבן זיך אריינגעריסן אין אנגימאכט חורבנות אין דער יידישער היים, אין דער יידישער גיזעלשאפט און אפילו אין דעם יידישן קדשי הקדשים, אינים בית־מדרש. פון דארטן האבן זיי ארויסגיריסן די בעסטע כוחות, די לערנענדיקע יוגנט און זיי איבערגיענטפערט צו דעם מולך פון דער צייט, די השכלה און — דעמאראליזאציע.

מיר האבן עס נישט גיזעען און פארשטאנען ביז היינט, ווען עס שטעכט אונדז שוין אויס די אויגן די לערקייט פון די בתי מדרשים און דער גרויל־מצב פון אונדזערע קינדער. ערשט היינט הויבן מיר אן פארשטיין אז א שלעכט ביכל ווירקט שטארקער ווי א שלעכט ווארט, ווייל א ווארט איז אויף א ווייל און דאס ביכל פארבלייבט ליגן תמיד פאר די אויגן און זיין ווארט ווירקט אפילו ווען דער מחבר לעבט שוין נישט. שלעגעל האט פאראנטווארטלעך גימאכט די מחברים פאר דעם שלעכטס אד'ר גוטס, וואס ס'קומט ארויס אונטער דער השפעה פון זייערע ווערק. נאך פיל גיפערלעכער איז דאס ביכל וואס פארמאסקירט דעם שונד און גיפט אונטער א מאסקע פון שיינע ווערטער, וואס ווירקט און פארווארצלט זיך אינים לייענער. באזונדערס ווירקט עס אויף די יוגנט, וואס ווערט לייכט באאיינפלוסט און לאזט זיך מיטרייסן מיט דעם גידאנקן־גאנג פונים מחבר.

א באוואוסטער אייראפעאישער שריפטשטעלער האט גישילדערט ווי א מחבר ווערט באשטראפט, אויף יענער וועלט, מיט א פיל גרעסערע שטראף ווי א מערדער. ער מאטיווירט עס דערמיט וואס דער מערדער האט איינמאל גיטון דעם חטא, אבער דער מחבר האלט דאך ווייטער אין איין זינדיקן, דען זיינע ביכער פארשפרייט מען ווייטער, אפילו נאך זיין טויט, דעם גיפט פון כפירה און דעמאראליזאציע.

און ווען מיר קלערן און טראכטן אויף וואס פאר אנ'אופן ווידער מחזק צו זיין דעם ישראל סבא, ווידער אויפצולעבן די בתי־מדרשים און דערציען אנ'אמתדיק יידיש דור, מוזן מיר אנווענדן די זעלבע כלי־זיין פון שונא. אגודת ישראל האט אנערקענט אז דער געגן־אטאק קען זיין נאר דורך אנ'עכט יידישע ליטעראטור. א קוואלידיק יידיש ביכל וואס זאל האבן די זעלבע השפעה, מיט לאזונגען און אויסנוצן אלע זייערע תכסיסי מלחמה, שריפט און ווארט, בילד און סטיל, כדי צוריקצורופן די יוגנט א היים און דערוועקן די ליבשאפט צו תורה.

אגודת ישראל האט שוין גימאכט אנ'התחלה אויפן דאזיקן גיביט. ס'איז שוין פאראן און גישאפן גיווארן אזא לייען־מאטעריאל, אין רעליגיעזן גייסט, וואס זאל פארנעמען דעם ארט פון די פרייע ביכער און דאס דארפן מיר אויסנוצן, מיר מוזן עס פארשפרייטן צווישן אונדזערע קרייזן, אין אונדזערע ביבליאטעקן, ס'מוז גילייענט און פארשטאנען ווערן.

א סך, א סך האט שוין אויפגיטון אט דאס ביסל וואס איז גישאפן גיווארן, די באציאונג צו אונדז איז שוין גאר אנ'אנדערע און פיל, פיל פון אונדזערע יוגנטלעכע, איז גילונגען אפצוראטעווען פון כפירה און ארונטערצוברענגען זיי תחת כנפי השכינה, אזוי אז אלע. אפילו די עקסטרעמע צווישן אונדז, זענען שוין מודה איי דער וויכטיקייט פונים ארטאדאקסישן בוך, וואס דארף אנטוויקלט ווערן וואס א מאל מער, כדי איינגאנצן צו קענען דערפילן די וואונטשן און פאדערונגען פון אונדזער יוגנט, וואס בענקט נאך דעם יידישן ווארט, נאך יידישקייט און מדות, ווערן פארשפרייט און פראפאגאנדירט מיט דער הילף פון דעם ארטאדאקסישן בוך.

דער צווייטער וויכטיקער פאקטאר אין לעבן און אין דער אנטוויקלונג פון אנ'אידעע איז, בלי שום ספק די פרעסע.

די פרעסע איז באזונדערס וויכטיק אין דער היינטיקער צייט, די צייט פון בליקשנעלקייט, מע וויל זיך נישט פארטיפן, מ'האט נישט קיין גידולד, אין אזא צייט שפילט די פרעסע א אומגיהויער וויכטיקע ראל אין גיזעלשאפטלעך־דערציערישן לעבן. פרעסע — איז די טאן־געבערן און די וועלכע גישטאלטיט און פירט דאס היינטיקע לעבן. נישט בחינם הייסט עס — די זיבעטע מלוכה פרעסע ווארפט אראפ און דערהייבט רעגירונגען. מאכט רעוואלוציעס און אונטערדריקט זיי. פרעסע — איז ווי עלעקטרישער שטראם וואס דערפירט כוח און ענערגיע צו די ווייטע און ברייטע פאלקס־שיכטן. דאס גידרוקטע ווארט רופט ארויס און טויט אפ, גאנצע באוועגונגען, רייסט מיט, באגייסטערט. פירט מלחמות און גיווינט זיי, ס'ווערט גאנץ אפט גימאסטן דער ניווא פון א מלוכה לויטן ניווא און גרויס פון איר פרעסע. אבער ליידער, איז אט דער וויכטיקער פאקטאר אין לעבן, ניי"ט אויסגינוצט גיווארן ווי גיהעריק, צו א דערציערישע אויפגאבע, פארקערט, זי האט א סך מיטגיווירקט צו פארשפרייטן ג—טלאזיקייט און דעמאראליזאציע. פון אלע איז אויך נישט הינטערשטעליק גיווארן דאס יידישע פאלק, וועלכעס פארמאגט אויך א גרויס אנטוויקלט פרעסע־וועזן, וואס איז אבער א ווערקצייג אין די הענט פון די פארשידענע פרייע באוועגונגען, וועלכע נוצן צו זייערע צוועקן און מאכן אן חורבנות ביי די יידישע יוגנט, וועלכע ווערן מיטגיריסן מיט די אגיטאציע און גייען א וועק פון זייערע עלטערן און מסורה. דער ערשטער, וואס האט גיפירט א פעדער־קאמף מיט די פרייע, איז גיווען ר' יעקב הלוי ליפשיץ ז"ל, ער האט אויפגיוויזן זייערע טענדענציעזע באלויכטונגען פון אלע יידישע פראבלעמען און אז זייער כונה איז נאר מבטל צו מאכן און איגנארירן אלץ וואס איז הייליק ביי יידן, אפחוזקן פון רעליגיעזע יידן און זייערע פירער, ספעציעל אויף די ארגאניזירטע ארטאדאקסיע. און ווען אגודת ישראל איז גיקומען מיט דער לאזונג, צו באפרייען זיך פון „גלות ביי יידן," איז איר ערשטע ארבייט גיווען צו שאפן אנ'אייגינע פרעסע, וואס זאל רעאגירן, פארטיידיקן און באלויכטן אלע ענינים אינים לעבן, לויטן גייסט פון דער תורה.

שווער איז עס אנגיקומען, פיל שטיינער און שטרויכלונגען זענען גילעגן אויפן וועג צו דער ארטאדאקסישע פרעסע. אפילו אייגינע האבן נאך זיך סקעפטיש באצויגן צו דער ארטאדאקסישע פרעסע, אבער ענדלעך איז א דאנק די שווערע אנשטרענגונגען פון יחידים אנטשטאנען די איינציקע ארטאדאקסישע טאג־צייטונג וואס האט דורך דער צייט אדורכגימאכט פארשידענע גלגולים, ביז „דאס יידישע טאגבלאט" האט זיך שוין גישאפן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג און היינט, זענען שוין מודה אפילו די עקסטרעמסטע געגנער, אין דער נחיצות פון די ארטאדאקסישע טאג־צייטונג, וועלכע שטייט איז א כסדרדיקן קאמף און פארטיידיקט אונדזערע אידעאלן. „דאס יידישע טאגבלאט" פארשאפט כבוד און אגזען די ארטאדאקסיע און איז נישט איינמאל דער גורם צו דעראבערונגען און דערגרייכונגען אויפן פאליטישן און גיזעלשאפטליכן גיביט. אויך מיר בנות אגודת ישראל האבן פיל צו פארדאנקען דאס „טאגבלאט" וואס גיט תמיד אפ ארט אויף צו פארשטארקן און פראפאגאנדירן אונדזער באוועגונג. דער רעליגיעזער ייד מוז אבאנירן די איינציקע ארטאדאקסישע טריבונע, וועלכע איז ריין פון שונד און כפירה. אדרבא, זי איז דער באוויז אז א בלאט וואס איז ריין פון שונד און שטייט דערביי אויף א הויכן פובליציסטישן ניווא.

די יידישע פרוי וואס דערציט דאס יידישע קינד און וויל עס דערציען אינים ריינים יידישן גייסט, מוז אכטונג געבן אז אין שטוב זאל אריינקומען א ריינע יידישע צייטונג, וואס זאל ווירקן דערציעריש און פארפלאנצן די תורה־אידעאלן און

## שאפן א ווארימע יידישע שטוב־אטמאספערע.

בנות אגודת ישראל האט אייגינע ספעציפישע דערציאונגס און פרויען־פראבלעמען וואס דארפן א פעדאגאגישן צוגאנג און באלויכטונג אין דער פארים פון לעקטורן, וואס שווער איז עס פאר א טאג־צייטונג און דאך זעען מיר אזא ריזיקע בנות־באוועגונג מיט הונדערטער סניפים אין א סך לענדער, א ריזיקע נעץ פון „בית־יעקב" שולן מיט טויזנטער קינדער ב"י און אלע זענען באוואוסטויניקע שטאלצע רעליגיעזע טעכטער, אלע זענען איבערגיגעבן דעם אידעאל פון אגודת ישראל און זענען נאך א מוסטער פאר אנדערע שאטירונגען אין דער אגודת־ישראל, אזוי אז פרעזידענט רבי יעקב ראזענהיים האט זיך אויסגידריקט וועגן בנות אז „צו איר זענין אונדזערע אויגן גיווענדיט, זי זאל דעם ריינים אמת פון דעם אידעאל פראקלאמירן", ב"י און בנות רופט ארויס רעספעקט אפילו ביי די געגנער, וועלכע אנערקענין אירע גרויסע פארדינסטן פאר דעם צוריקפירן די יידישע טאכטער צו איר פאלק און תורה, צו איר אייגינים מהות. דער בעסטער באוויז איז דער היינטיקער קאנגרעס, וואס האט ארויסגירופן אזא גרויסן אינטערעס. דער קאנגרעס איז א גיוואלטיקער קידוש־השם כלפי חוץ און א שטארקער התעוררות־רוף כלפי פנים.

ווייסט איר וועמען מיר האבן דאס צו פארדאנקען? דעם נישט־דערמידלכען איניציאטאר און לייטער פון צ. ס. רעד. א"ג פרידנזאן, וועלכער האלט שוין היינט ביי קרוב 150 נומערן פונים בית־יעקב זשורנאל. יעדער נומער איז א שטיק גישיכטע פון אונדזער באוועגונג, יעדער נומער איז א דעראבערונג פון א נייע פאזיציע פאר אונדזערע אידעאלן.

לאמיר טאקי געבן א קורצן איבערבליק פון דעם דאזיקן זשורנאל. אינים יאר תרפ"ג, דאס ערשטע גרינדונגס־יאר פון בית־יעקב איז נאך נישט גיווען בנמצא קיין גידרוקט ווארט, וואס זאל פראפאגאנדירן און אויפקלערן דאס נחיצות פון בית־יעקב. דער „ייד" האט דעמלט עפיס יא גישריבן דערוועגן. אבער פון די אנפירנדיקע אגודה־קרייזן האט מען אליין נישט גיגלייבט אינים עתיד פון די שולן: ה' פרידנזאן פארשטייט באלד אז ס'מוז גישאפן ווערן א באזונדערע טריבונע פאר אט דער נייער באוועגונג: און ס'הויבן זיך אן בעראטונגען מכוח ארויסגעבן אנ'אייגינים ארגאן. אין חודש תמוז ווערט פונאנדערגישיקט דער ערשטער פראספעקט, וועלכער האט ארויסגירופן ביטל־שמייכלין, קיינער האט נישט גיגלויבט אין אזא „פאנטאזיע", ליצנים האבן זיך גיוויצלט, אזא אויפטו פאסט טאקי פאר תמוז... אבער ה' פרידנזאן פאלט נישט פון מוט און אט קומט פאר די ערשטע כנסי' גדולה און ה' פרידנזאן פרואווט ווירקן אויף די אגודה־פירער, זיי זאלן זיך פאראינטערעסירן מיט דער זאך, אבער אומיטום באגעגינט מען סקעפטיציזם און בטול.

נישט קוקנדיק אויף דעם אלים, דערשיינט אין סוף פונים זעלבן יאר, דער ערשטער נומער פון בית־יעקב זשורנאל און אזוי דערשיינט ער שוין 15 יאר. במשך דער צייט איז גילונגען צוציען די בעסטע ארטאדאקסישע שרייבער וואס מיר פארמאגן, אזוי אז דער בית־יעקב זשורנאל איז היינט צו טאג דער שענצטער און אינהאלטסרייכער זשורנאל פון דער גאנצער ארטאדאקסישער פרעסע, געבנדיק א מאטעריאל, וואס שפרודלט מיט לעבן און איז כול מיט התלהבות, לעקטאר און שיינע ליטעראטור, פאעזיע און פראזא, אלץ גיפונט איר אינים זשורנאל וואס האט נישט נאר גיגריינדיט די ארטאדאקסישע ליטעראטור נאר אויך דערהויבן איר כבוד און אנטוויקלט אירע כוחות. דער בית־יעקב זשורנאל האט אויף איר שויס דערצויגן, א גאנץ דור פון באוואוסטזיניקע יידישע טעכטער. דער בית־יעקב זשורנאל איז נישט בלויז א ליטעראַרישע אויסגאבע, נאר איז א מורה־דרך, א לערער און דערציער, דער רופער און דער איניציאטאר, דער באשליסער און דער אויספירער פון אלע אונדזערע ארביטן. דער בית־יעקב זשורנאל שפרודלט מיט אויפטו און חדוש, ער מאכט סיורפריזן און רופט ארויס באוואונדערונג מיט זיינע תוכנדיקע ספעציעלע נומערן ווי בירנבוים־נומער, חינוך־נומער, אנטיסעמיטיזם־הצפט און אחרון אחרון חביב — דער אגודיזם אלמאנאך. דער בית־יעקב זשורנאל איז דאס ארט וואו מיר קענין זיך א דורכרעדן, אויסשמועסן און האבן א קאנטאקט מיט דער באוועגונג. בית־יעקב זשורנאל האט גישאפן, פארברייטערט און פארטיפט די בית־יעקב און בנות־באוועגונגין.

**אזא זשורנאל האט באדארפט צו זיין דאס פאמיליען און שטוב־בלאט פון יעדן יידישן הויז און משפחה, אומיטום וואלט ער באדארפט אריינדרינגען מיט זיין ווארט מיט זיין רוף און אויפטו.**

און אט די אויפגאבע ליגט אויף אונדז בנות־חברות. מיר זענין בכוח און מוזן וועקן די יידישע פרוי, מיר מוזן אריינפירן דעם בית־יעקב־זשורנאל, אין יעדער יידישע שטוב. מיר דארפן נישט קומען שטענדיק מיט קריטיק און דרייען מיט דער נאז „כי באפם הרגו איש", מיט אזא בלויז דרייען מיט דער נאז קען מען אוועקהרגינין א מענטש, אפטו טן א באוועגונג. אמת מיר וואלטן גיוואלט, אז דער בית־יעקב־זשורנאל זאל איינפירן פארשידענע רובריקן ווי למשל א לשון־קודש־דיקע ביילאגע, מוסטערן פאר שיחות אין בנות, מער ביבליאגראפישע אבהאנדלונגען וכדומה. מיר מוזן אבער פאר אלץ זיכערן דעם מאטעריעלן קיום פון זשורנאל, כדי די רעדאקציע זאל זיך קאנין מער ווידמינין און אפגעבן זיך מיט פארשענערן און בארייכערן די צייטונג. מיר טארן נישט דערלאזן, אז איין מענטש זאל זיך אזוי שווער ראנגלין און קוים דערהאלטן אזא פאזיציע. מיר דארפן גידענקין, אז דער וואוקס פון זשורנאל באטייט וואוקס פון אונדזער באוועגונג, פון אונדזער כבוד און אידעאל. דער אונטערגאנג ח"ו פונם זשורנאל וואלט גיווען דער אונטערגאנג פון דער באוועגונג, פון אונדזער ארביט היינט און ווייטער. אלע בנות גרופן זענין מחויב צו פארשפרייטן דעם ב"י זשורנאל אין א וואס גרעסערע צאל עקזעמפלארן אויפן דאזיקן גיביט מוז הערשן א פעסטע דיסציפלין און די ב"י לערערן און „בנות" פירערן וועלכע זארגט נישט פארן זשורנאל דערפילט נישט איר עלעמענטארן חוב פאר די באוועגונג. דער בית־יעקב־זשורנאל איז פאר אלע, פאר די גרויסע ווי פאר די קליינע יידישע טאכטער. פאר די לעצטע דערשיינט דער „קינדער־גארטן". אט דער קליינער זשורנאל איז די רעכטע האנט פון אלע לערערנס. דאס קינד באקומט פון קינדער־גארטן אלעס שיינע, יידישע און דערציערישע, מדות און יידיש־לשון. ס'איז א שיין אינטערעסאנט לייען־ביכל, אן וועלכע אונדזערע שולן קענין זיך נישט זעצן לערנין, אזוי, אז אונדזערע לערערינס, אויב זיי ווילן האבן א גיטרייען און גוטן מיטהעלפער, מוזן זיי זעען, אז יעדיס קינד זאל אבאנירן דעם „קינדער־גארטן" און אזוי ארום דערמעגלעכן, אז דער „קינדער־גארטן" זאל זיך אנטוויקלין און מער קאנין פאר אונדז געבן לייען־מאטעריאל, און כסדר ווערן פראגרעסירט און פארשענערט.

אויך בנות מוז צוהעלפן צום פארשפרייטן פון „קינדער־גארטן" מיר דארפן דאך תמיד גידענקין, אז די מוטער פון בית־יעקב פרוי שרה שענירער ע"ה, האט דאך נישט אויפגיהערט צו רופן און צו וועקן און טאקי אליין גיארביט און גיוויזן א מוסטער פון פארשפרייטן „בית־יעקב־זשורנאל" און „קינדער־גארטן". מיר מוזן נאכטון איר ביישפיל, יעדער פון אונדז מוז זיין א מוסטער אין דעם ענין.

דער פארלאג „ביה־יעקב" באגניגנט זיך אבער נישט מיט די פעריאדישע אויסגאבן. ניין! דער פארלאג שטרעבט אונדזער ביכער־שאנק אויסצופילן מיטן שענצטן און בעסטן, וואס ס'קען ארויסגעבן די ארטאדאקסישע פעדער און אט זענין שוין ארויסגיגעבן גיווארן אריי בראשורן און ביכער פון וועלכע יעדער באזונדער איז א חשובער ציגל צום בנין פון דער ארטאדאקסישער ליטעראטור. מיר דארפן זעען, אז יעדיס ביכל זאל פארשפרייט און אריינגיפירט ווערן אין דער יידישער שטוב. ס'איז אפילו גישאפן גיווארן א לעגיאן אויפן נאמין פון פרוי שענירער, ראשית איז דער לעגיאן נישט ווי גיהעריק ארגאניזירט והשנית פטרט דאס נישט יעדע בנות־חברה דערפון, אלע מוזן צוהעלפן, דען דער עיקר איז — מעשים — איז דער אנזען פון א באוועגונג.

מיר מוזן האבן פארשטענדיניש פאר די וואס רוען נישט און ארביטן איבער די כחות פאר דער באוועגונג, מיר מוזן צוהעלפן, נישט דעם אדער יענים, נאר אונדז, זיך אליין. העלפן אויפבויען אונדזער באוועגונג דורכן אויפבוי פון אונדזער פרעסע און ליטעראטור איז אנ'עלימענטאר גיבאט.

מיר האבן גיזינדיקט אנטקעגן אונדזער ליטעראטור, א פארבעסערטע באציאונג, א פאראינטעריסירונג און א פארשפרייטונג פון אונדזערע אויסגאבן — איז דער תיקון וואס דארף זיין א באלדיקער און א גאנצער. אט די ארביט וועט שוין זיין דער בעסטער יישר־כוח פאר די פיאנערן, נישט קיין בלומין, נישט קיין שיינע רעדיס, הייסט ביי אונדז דער דאנק־אויסדרוק, נאר אני חבצלת, דער „איך" אליין זאל זיין די בלום, איך אליין מיט מיין ארביט און גיטריישאפט זאל זיין דער רויזן־בוקעט. כ'זאל שטעלן מיין גאנצן „איך" צום דינסט פאר אונדזער אידעאל, דאן וועט בנות זיין און ווערן נישט בלויז דאס וואס מיר זענין, נאר דאס וואס מיר קענין און דארפן זיין, כדי מיר זאלן אומוטים דעם ריינים אמת קענין פראקלאמירן און ישראל סבא וועט מיט רעכט קענין שטאלצירן מיט זיין גיטרייער טאכטער, בנות־אגודת־ישראל.

# בנות־בלעטער

## גיקומען די צייט פון מעשים!

דאָס איינציקע וואָרט, וואָס מוז יעצט ביי יעדן פון אונדז ווערן איינגיקריצט אין מוח און פאַרקאָוויט אין האַרצן איז מעשים!

מיר האָבן אין פאַרגאַנגינים יאָר גיהאַט אַ גרויסן קאָנגרעס וואו וועגן אַלץ האָט מען גירעדט און באַשלאָסן. מיר האָבן זיך אויסגיטוישט מיט די מיינונגען, געגנזייטיק פאַרשטענדיקט, אויסגישמועסט, און די באַשלוסן וואָס זענען דורכן קאָנגרעס גיוואָרן אָנגינומען האָבן אונדז זייער פיל מחייב גיוועזן.

אויף דער כנסי גדולה האָט איינער פון אונדזערע גדולים גיזאָגט, אַז אַ באַשלוס איז ווי אַ נדר. ווי גרויס איז דער חוב פון מקיים זיין אַ נדר איז אַלימין באַוואוסט. וועלן מיר יעצט נישט טון אַלץ, כדי אונדזערע קאָנגרעס־באַשלוסן צו רעאַליזירן, שטעלן מיר אין גרויס סכנה אַפילו דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דערגרייכט ביז יעצט.

ס'זענען יעצט איבריק וועלכע ס'איז אסיפות און זיצונגען. ס'זענען נאָך מער איבריק רייד וועגן דעם אדער יענים. יעצט איז גיקומען די העכסטע צייט צו מעשים. גרינגער איז רעדן ווי טון, דאָס ווייסן מיר אַלע, און דעריבער זענען אונדזערע צוזאַמינפאָרן אַזוי מצליח. די עמאָציע פון זעען און זיין אויף אַ צוזאַמינפאָר איז פאַרשטענדלעך. בלייבט עס אָבער בלויז דערביי, איז עס פשוט אַ פאַרשוועכונג פון דעם קידוש השם וואָס עס גיט אַ צוזאַמינפאָר.

אונדזער קאָנגרעס האָט בשעתו גיבּרענגט קידוש־השם, וועט אָבער יעצט דער פועל־יוצא זיין חלילה אָפּהענגדיקייט, עצלות, פאַסיוויטעט – וועלן מיר האָבן די גאַנצע מי פונים קאָנגרעס מיט די אייגינע הענט גימאַכט צונישט.

לאָמיר זיך ערנצט פאַרטראַכטן שורה ביי שורה אין די קאָנגרעס־באַשלוסן, אין דער בנות־אַרבּיט איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל צו טון! יעדע פירערין און חברה קען דאָך באַווייזן אַריינצוגעבּן דער בנות־טעטיקייט איניציאַטיוו, שוואונג, חיות און טאַט.

וויפל שטעט זענען נאָך פאַראַן וואו קיין „בנות" עקזיסטירט נישט אין גאַנצן? ווי קען מען רוען ווען אין הונדערטער יידישע קיבוצים אין פוילן האָט נאָך קיין יידיש מיידל אַפילו נישט קיין אָרט וואו צו קענין זיך יידיש אויסלעבן? ווי נאָך גרעסער איז דער וויי, ווען אין אַזעלכע שטעט וואו ס'זענען פאַראַן אַפילו בית־יעקב שולן, און די שול וואַרפט יעדיס יאָר אַרויס אויפן גאַס די קינדער וועלכע האָבן גילעבט אין די שול־ווענט אַ ריי מיט יאָרן...

אין אַ גרויסע צאָל ערטער לאָזן מיר די בנות־גרופּיס אין אַ סטאַטישן מצב. צענדליקער גרופּיס באַשטייען בלויז פון אַ צאָל פון 10–25 חברות. קען מען זיך לאָזן אַזוי איזאָלירן און פאַרענגען אין אַ פּיטשינקע ווינקל? זענען דאָך פאַראַן אין די ערטער נאָך פיל, וואָס קענין צוגיצויגן ווערן צו דער מחנה און פאַרוואָס טון מיר גאָרנישט דערצו?

דער קאָנגרעס האָט אויף אונדז אַרויפגילייגט התחייבותן צו טון, צו אַקטיווירן, צו פאַרשטאַרקן דעם רעיון, צו פאַרפאַלקאָמין אונדזער דערציאונג־אַרבּיט און צו דעם אַלימין מוזן מיר זיך אָנשטרענגען.

מיר האָבן פאַר זיך אַ שאַרף־ברענינדיק סאָציאַל־פּראָבלעם און דער קאָנגרעס האָט אָנגיצייכנט ליניעס פון אַרבּיט. מיר האַלטן שוין ביי דער לעצטער שעה און די ערשטע התחלות מוזן גימאַכט ווערן.

גאָר אַ וואָגיקע באַדייטונג האָט די אָרגאַניזירונג פון נשי־אגודת־ישראל, די יידישע פרוי אַלס אַזעלכע איז כמעט נאָך נישט אַריינגיצויגן גיוואָרן אין דער באַוועגונג, וואָס די יידישע פרוי קען געבּן די באַוועגונג אַלס גאַנצע איז דאַכט זיך גינוג באַקאַנט. יעצט ערשט די ספּעציפישע אויפגאַבּן פון אַ פרויען־פאַרבאַנד זענען אַזוי גרויס און וויכטיק, אַז כמעט דאָס גאַנצע יידישקייט־לעבּן פון פאָלק איז דערין אָפּהענגיק, עס מוז אומיטום גיהערט ווערן דער רוף: שאַפט נשי אגודת ישראל!

מיר האָבן בלויז באַריִרט אַ ריי פּונקטן פון אונדזער אַרבּיט. די באַשלוסן פונים קאָנגרעס נעמען אָבער אַרום אַ פּ״ל ברייטערן פאַרנעם. מוזן מיר דאָך אָנהייבן שוין צוצוטרעטן צו ממשותדיקע קאָנקרעטע מעשים.

מיר גיבּן זיך אָפּ אַ חשבון פון דער צייט. די דעפּרעסיע־שטימונג אויף דער פּראָווינץ איז אונדז נישט אומבּאַקאַנט. דער דלות און פּרנסהלאָזיקייט, וואָס נעמט אַרום די יידישע שטעט און שטעטלעך, ווייסן מיר אַליין, איז אַ גרויסער גורם צו ווערן קאַלט און גלייכגילטיק צו אַלץ. לאָמיר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דאָס אונטערגעבּן זיך די שווערע שטימונגען און גאָרנישט טון אויף צו דערציען און מחנך זיין אונדזער יוגנט, קען נאָך חלילה פאַרטיפן די טראַגעדיע. גראָד אין אַזאַ צייט מוזן מיר אַרויסווייזן מוט און גבורה, פאַרשטענדיניש און חוש פאַר אונדזערע גרויסע איבּיקע אויפגאַבּן.

דאָס באַקענין אונדזער יוגנט מיטן מהות פון אונדזער אייביקן קיום, דאָס דערציען זיי אויף גרייטקייט פון נסיונות, דאָס אַקטיוויזירן זיי פאַר מעשים, פאַרן פאָלק פאַר דער תּורה איז גראָד יעצט אַ דבר בעתו. זעלטן ווען אַמאָל די יידישע פרויען־יוגנט האָט גיהאַט אַ גילעגנהייט פון דערפילן אַזאַ גרויס שליחות אין יידישן פאָלק־לעבּן ווי יעצט.

נאָר נישט פאַרצווייפלין! אין דער יידישער גישיכטע האָבן מיר שוין גיהאַט פינצטערערע תקופות ווי די איצטיקע. די אייביקייט פון אונדזער פאָלק איז אַזוי גראַניט־פעסט, דאָס קיין שום שטורים און קיין שום כוואַליע וועט זי נישט אַראָפּשווענקען. מיר מוזן נאָר ראוי זיין אין אַזעלכע צייטן זיך נישט צו פאַרלירן, אדרבא, וואָס גרעסער די נסיונות אַלס מער אינערלעכער שמחה עס דאַרף אונדז באַהערשן אינים דערפילן אונדזער שליחות.

מיר אַרבּיטן פאַר דעם נצחיותדיקן ציל פון ג־טס פאָלק און דערביי מוזן מיר זיין שטאַנדהאַפט. זאָל דער קומענדיקער היסטאָריקער קענין זאָגן: גיוועזן אַ צייט פון גרויסע און גייסטיקע מאַטעריעלע נסיונות ביי יידן, און דעמלט האָט די יידישע פרוי עקשנותדיק און העלדיש זיך גישטעלט אויף די פראָנט־פּאָזיציעס. בנות־אגודת־ישראל קען און מוז זיין דער וואַוואַנגאַרד פאַר פאָלק תּורה און יידישקייט.

כדי צו קענין די בנות־באַוועגונג און איר טעטיקייט באַלעבּן און שטאַרקן, מוז פאַר אַלים זיין די חכרה ביי די פירערנס און חברות, דאָס ס'מוז קענין עקזיסטירן די צענטראַלע. די דאָזיקע חכרה איז פיל מער ווי עפּיס אַ פרומער וואונטש. די בנות־צענטראַלע האָט באַוויזן במשך אַזוי פיל יאָרן, אויסדויער, גיטריישאַפט און איבּער אַלץ, קיינמאָל זיך נישט צו פאַרלירן.

דאָס איז גינוג בולט גיקומען צום אויסדרוק בעתן לעצטן קאָנגרעס און דעריבער האָט טאַקי דער קאָנגרעס באַשלאָסן, אַז די סניפים מוזן אַבּליגאַטאָריש די צענטראַלע העלפן, און דאָס הייסט זיך אַליין גיהאָלפן.

ליידער מוזן מיר עפנטלעך זאָגן, אַז נאָכן קאָנגרעס האָבן זיך די סניפים כמעט ווי נאָך נישט אָנגירופן אויף די ווענדונגען פון דער צענטראַלע. מעגלעך, אַז די זומער־צייט און שפּעטער די ימים־טובים זענען גיוועזן אַ שטערונג, און דאָס קען זיין אַ שטיקל התנצלות, אויב אָבער אויך אויף להבא וועט זיין אַזאַ אומבאַוואוסטזיין פאַר די התחייבותן צו דער צענטראַלע, וועט ממילא דער לעבּנס־נערוו פון דער באַוועגונג נישט קענין אַרויסווייזן קיין שום סמנים פון לעבּן.

לאָמיר אויסרופן אויף יעדן אָרט: גיקומען די צייט פון מעשים!

# פון אונדזער באַוועגונג

### ווענדונג צו דער בית־יעקב־לערערשאַפט פון הגאון רבי ארי' צבי פראַמער שליט״א

ר״מ אין ישיבת חכמי־לובלין

אַזוי ווי מע לערנט קינדער פאַרטייטשן תּפילה און נישט אַלע האָבן די פעאיקייטן אַלץ צו דערלערנין און באַזונדער לערנין אַ טייל קינדער נאָר אַ קורצע צייט אין די ב״י־שולן, מאַך איך אויפמערקזאַם וועגן דעם עיקר־חיוב וואָס מע דאַרף פאַרשטיין:

א) טייטש פון קידוש פרייטיק צו נאַכט,
ב) טייטש פון ברכת המזון ביז–אל יחסרנו
ג) טייטש פון דער ערשטער ברכה פון שמונה עשרה ביז מגן אברהם.

דאָס זענען די הויפּט־תּפילות פאַר בנות־ישראל וואָס ס'איז אויף זיי אַ חוב צו פאַרשטיין.

אויך איז וויכטיק צו לערנין דעם טייטש פון די פסוקים פון דער ברייתא וואָס מע זאָגט נאָך ברכת התורה (ברכת כהנים און אלו דברים שאין להם שיעור וכו'), ווייל דאָס איז אָנשטאָט לימוד נאָך ברכת התורה און אַז מע פאַרשטייט דאָס נישט, הייסט דאָס קיין לימוד נישט און דאַן טאָר מען נישט זאָגן קיין ברכת התורה.

ולשומעות יונעם ותבא עליהן ברכת־טוב.

**ארי' צבי פראַמער**
אבר״ק קאָזשעגלאָוו.

### דער פאָרטבילדונגס־קורס פאַר דער ב״י־לערערשאַפט

יעדיס יאָר אין זומער־צייט אין אַ שיינע גיבירג־געגנט, אָרדנט איין די ב״י־צענטראַלע דעם פאָרטבילדונגס־קורס. ער איז שוין אַזאַ באַקאַנטע און זעלבּסטפאַרשטענדלעכע אינסטיטוציע אין אונדזער בית־יעקב־וועלט, אַז ס'איז איבּריק יעצט צו שרייבּן וועגן דעם חשיבות דערפון. דאָס פאַרשטענדיניש דערפאַר וואַקסט פון יאָר צו יאָר. בּולט זעט זיך אַרויס פון דעם פאַקט, אַז אויף דעם היי־יאָריקן קורס האָבן זיך באַטייליקט בערך 60 לערערנס.

דאָס איז באמת נאָכנישט פאַרגיקומען אין אונדזער בית־יעקב־גישיכטע. עס זענען זיך צוזאַמינגיקומען לערערנס פון פאַרשידינע „דורות", יונגערע און עלטערע מיט פּראַקטיק און דערפאַרונג.

אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון דער אַרבּיט, איז יעדע אַ באַזונדערע וועלט, אָפּגיריסן, איינזאַם אויף איר פּאָסטן. מיט שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַרבּיט זעצט זי אַליין אַדורך די פילע שוועריקייטן אין דער חינוך־אַרבּיט. איין מאָל אין יאָר אָבער רייסט מען זיך אַוועק פון די טאָג־טעגלעכקייט. מע קומט אויפן קורס כדי אין דער אַטמאָספערע פון שמחה מיט רואיקייט, און אַטמאָספערע פון נאָענטע איבּערגיגעבּינע מענטשן שעפּן פרייד, הומאָר, יוגנטלעכקייט און בעיקר התחזקות.

זאָרגפעלטיק איז גיוועזן די אָרגאַניזאַציע פונים היי־יאָריקן פּב״ק. די בית־יעקב־צענטראַלע האָט גיקלערט עצות מע זאָל אויף דעם קורס באַזייטיקן ווי ווייט מעגלעך אַלע מניעות פון די ביז יעצטיקע פּ״ב קורסן. דאָס וויכטיקסטע איז, אַז דער קורס איז נישט גיוועזן צוזאַמין מיט סעמינאַר און דורך דעם איז די דאָצענטנשאַפט גישטאַנין פריי צו דער דיספּאָזיציע פונים קורס.

פאַרשידינע „דורות" האָבן זיך באַטייליקט אינים קורס. דאָס שיינע איז גיוועזן, אַז יעדער האָט אַריינגיטראָגין אין די אַטמאָספערע פונים קורס, דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אין יעדן ווינקל האָט גישפּרודלט פון פרייד, דאָ האָט זיך ג'לאָזט הערן אַ גיזאַנג, דאָרט אַ גימיינזאַמער אויסשמועס וועגן דערוועקטע רעפלעקסן און אָנרעגונגען, נאָך אַ שמועס, אָדער אַ לעקציע, מ'האָט זיך גימיינזאַם מיט מוט און לעבּדיקייט גיטיילט. מיט איין וואָרט, די מענטשן וועלכע זענען גיוועזן אויפן קורס האָבן זיך באַוואוסט אָנגישטרענגט אַז דער קורס זאָל וואָס מער אַלע באַפרידיקן.

זייער פיל האָט דאָ אויך גיהאַט צו זאָגן די דערציערישע ליניע וועלכע דער קורס האָט אָנגינומען. אינטערעסאַנט: מיר האָבן גילערנט פאַרשידנס; שטעלן פון חומש, שטעלן פון נביאים ראשונים, גישיכטע, יחדות־שמועסן, אַ פּ־ק מסילת ישרים, אַ פּרק פון שערי תשובה לרבינו יונה, מוסטער־לעקציעס, און אומיטום האָט מען גיצילט צו איינס, קוקן און וועלן וויסן וועגן יידישקייט נישט פון דערזאַץ־ביכער, נאָר שטרעבן וואָס ווייטער צו העוין דאָס מקור־וואָרט, דאָס וואָס איז אמתדיק, אָביעקטיוו און אָריגינעל יידיש. דאָס איז דאָס חז״ל און מסורה־וואָרט, אמונה און מסורה, אמונה התגלות, אָפּטמאָל האָבן מיר גיהערט אַ מאמר חז״ל וועלכער האָט זיך שוין אַפילו נישט איינמאָל גיהערט, נאָר הערנדיק עס דאָ מיט דער טיפערער באַלויכטונג פון פרישע ידיעות און בעיקר מיט דעם אויבּנדערמאָנטן צוגאַנג, האָט זיך גיעפנט פאַר אונדז אַ נייע וועלט, וועלכע מיר האָבן פריער נישט דערהערט, נישט דערוועזן.

קאָנקרעט גיזאָגט, באַטייט דאָס פאַ אַרטיפונג אין אונדזער ביז יעצטיקע דערציערישער ליניע אינים זין פון התחזקות און אמונה, ווי אויך פאַכמענישע פאָרטבילדונג, דעריבער, דאָס פאַרפעלן אַזאַ קורס באַטייט, נישט מיטמאַכן די לעבּעדיקע פאַראויס שריט פון אונדזער בית־יעקב־באַוועגונג.

### גרויסער דערפאָלג פון „אהל שרה"

אין גאַנצן ערשט אַ יאָר צייט ווי ס'איז רעאָרגאַניזירט גיוואָרן „אהל שרה" אַלס מיידל־היים פאַר פאַך־אויסבילדונג און רעליגיעזער דערציאונג און שוין איז דער אינסטיטוט גיוואָרן פּאָפּולער און באַרימט מיט זיין חשיבות און נוצלעכקייט. די פּירות פון ערשטן יאָר זענין אַזעלכע איבּעראַשנדיקע און דערפאָלגרייכע, אַז זיי שטייגן פיל־פאַך איבּער דאָס וואָס מ'האָט דערוואַרט פון דעם אינסטיטוט.

די ערשטע גרופּע, וואָס האָט פאַרלאָזט „אהל שרה" גיט שוין פון זיך צו הערן זייער פרייליכע גרוסן. די לייטונג און דערציער קענין זיך פשוט אַליין נישט צוגלייבּן, אַז במשך איין יאָר האָט דאָס גיקענט דערגרייכט ווערן. אין דער פאַך־אויסבילדונג האָט אַ באַזונדערן דערפאָלג גיהאַט דער קורס פאַר שניידערנס. מיידלעך, וועלכע האָבן ממש נישט גיוואוסט ווי אַזוי מע נעמט אַ נאָדל אין האַנט האָבן גימאַכט אין דעם פאַך ריזיקע פאָרטשריט. אַ טייל פון די גיענדיקטע תּלמידות האָבן שוין אָנגיהויבּן זעלבּשטענדיק אַרבּיטן אין דעם פאַך און פאַרדינין זייער שיין. ביי אַ ווייטערער פּראַקטיק איז דער דערפאָלג אַ גיזיכערטער פון אַלע תּלמידות. די לייטונג פון „אהל שרה" וועט ווייטער דערהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די תּלמידות און זיי דינין מיט עצות און הילף לויט מעגלעכקייטן.

נישט קיין קלענערן דערפאָלג האָט אויך גיהאַט דאָס דערציאונגס־ און לערן־פּראָגראַם, וואָס „אהל שרה" האָט גיגעבּן די חניכות. די לימודים און ידיעות וואָס די חניכות האָבן באַקומין אין „אהל שרה" במשך דעם יאָר זענין גיוועזן פאַר זיי אַ קוואַל פון וויסן און פרייד. אַ טייל אַבּסאָלווענטקיס פון „אהל שרה" האָבן זיך שוין גיוואָרפן אין זייער פרייער צייט צו דינין די בנות־אָרגאַניזאַציעס אין זייערע שטעט.

די לייטונג פון „אהל שרה" האָבנדיק אַזאַ מזל־ברכה פון דער איינציקער אַרבּיט איז אויפן נייען יאָר צ״ח נישט גיקוקט אויף אַלע בודזשעט־ראַנגלינישן צוגיטרעטן עקשנותדיק פאַרבּרייטערן און אויסבּויען דעם אינסטיטוט.

איבּעראַשט און צוגלייך פאַרזאָרגט איז גיוואָרן די לייטונג פון „אהל שרה" פון דעם ברייטן אָפּקלאַנג און צוטרוי, וואָס דער מוסד האָט זיך שוין דערוואָרבּן אין גאַנצן לאַנד ביים ברייטן יידישן רעליגיעזן עולם.

דער דערפאָלג פונים גידאַנק פון „אהל שרה" צו געבּן פאַך־אויסבילדונג מיט יידישער דערציאונג צוגלייך אויף אַזאַ אָריגינעלן אופן, האָט איבּעראַשט די גרינדער און לייטונג, גלייכצייטיק האָט אָבער אַרויסגירופן גרויס זאָרג און צער, דאָס נישט קענין נאָכקומין די פילע הונדערטער בקשות פון אַלע עקן פוילן צו קענין אַריינעמין זייערע קינדער אינים אינסטיטוט.

ווי באַקאַנט האָט „אהל שרה" באַשטימט אַזאַ מינימום־אָפּצאָל וואָס דערפון ווערט קוים גידעקט בלויז די קאָסטן פאַרן עסן. דאַגעגן פאַר דירה, פאַך־אויסבילדונג, יידישע לימודים אא״וו באַמיט זיך דער פּאַטראָנאַט צו שאַפן דערויף די פאָנדן. העכער 500 בקשות האָבן אָבער גימוזט אָפּגיזאָגט ווערן צוליב דעם, וואָס אַפילו דעם מינימאַלן אָפּצאָל זענין די עלטערן אויף דער פאַראָרימטער פּראָווינץ נישט בכוח זיך אונטערצונעמין.

לעצטנס אָבער האָט שוין דער פּאַטראָנאַט גימוזט אָפּזאָגן בקשות אַפילו פון די, וואָס האָבן זיך יאָ גיקענט מחייב זיין צום גיפאָדערטן סכום נאָר דער אינטערנאַט איז גיוועזן צו ענג.

די גאַנץ באַשרענקטע סובסידיע וואָס „אהל שרה" באַקומט פון צייט צו צייט קלעקט לע״ע נישט אויף צו פאַרבּרייטערן דעם אינטערנאַט. ווי ס'ווייזט זיך אויס איז שוין דרינגענט נייטיק דאָס פאַרגרעסערן דעם לאָקאַל און דעם פאַרנעם פון „אהל שרה", עס מוזן תיכף אונטערגינומין ווערן ענערגישע שריט דערפאַר און די לייטונג טראַכט שוין דערוועגן גאָר ערנצט, די אגודיסטישע וועלט וועט מוזן אויסגיפאָדערט ווערן צו העלפן דערצו.

ס'איז דאָס דרינגענדסטע גיבּאָט פון דער שעה דעם מוסד „אהל שרה" צו געבּן מעגלעכקייטן אויף אַנטוויקלונג און פאַרבּרייטערונג.

זונטיק י״ב חשון האָבן זיך שוין אָנגיהויבּן די נאָרמאַלע לימודים אין „אהל שרה". דאָס לאָקאַל איז גיוואָרן פריש רעמאָנטירט און ס'זענין גימאַכט גיוואָרן אַ ריי נייע אינוועסטיציעס. ווענדונגען אָנגינומען צו ווערן פון פּראָווינץ איניב

אינסטיטוט זענין יעצט נישט אקטועל. ערשט אויפן זומער וועלן קענין אָנגינומין ווערן א באגרעניצטע צאָל פרישע תלמידות.

## דער נייער ווינטער־זמן אין די בית־יעקב־שולן

דער אלגימיינער שווער־דרוקנדיקער מאטעריעלער מצב אין די יידישע קיבוצים האט זייער שטארק גיווירקט אויפן קיום פון די בית־יעקב־שולן. אין א טייל ערטער האבן זיך גימוזט די ב"י־שולן צום נייען זמן גענצלעך ,שליסן. אלס די הויפט־סבּיה פון שליסן שולן, דארף אבער באטראכט ווערן דאס עצלות פון די עסקנים, אדער דאָס פעלן לחלוטין פון טוער אין די באטרעפנדיקע ערטער. דער בעסטער באווייז, אז ס'איז מער אָפּהענגיק אין טיכטיקע טוער ווי אין אלגימיינים מצב, איז דער פאקט, דאס אין א ריי שטעט האבן נאָך הפסקות פון א האלב אדער גאנץ יאָר אויפסניי זיך גישאפן שולן.

לויט ווי ס'איז פארגיזעצן וועט יעדנפאל די אלגימיינע צאָל שולן נישט ווערן ווינציקער ווי דאָס פאריקע יאָר, הגם דאָס איז א שוואכע טרייסט ווייל די צאָל ב"י־שולן דאַרף שטייגן, דאך באווייזט עס, אז דער ב"י־גידאנק האט גיזונטע יסודות אין יידישן לעבן, פארשטייט זיך, אז דאָס באפרייט נישט די לייטנדיקע ארגאנין פון דער ב"י־באוועגונג פארנעמין זיך אין א ברייטן פארנעם מיטן מצב פון אונדזער שול־וועזן און דאָס דרינגענדסטע גיבאט פון דער שעה, איז קודם־כל צו אקטיוויזירן די ב"י־עסקנים אין יעדן ארט דורך פארשידינע מיטלין און וועגן.

מיר וועלן גערן פארעפנטלעכן באריכטן פון די שטעט, אין וועלכע עס זענין נימאכט גיווארן ענערגישע שריט צו דערהאלטן דעם קיום פון די ב"י־שולן. דאָס פארעפנטלעכן באריכטן פון די ערטער וואו ס'זענין אָנגינומין גיווארן ספּעציעלע מיטלין צו שטארקן דעם קיום פון די שולן האפן מיר, וועט דינין אלס מוסר־השכל פאר די ערטער וואו ס'ווערן פארנאכלעסיקט די התחייבותן לטובת די שולן מצד די עסקנים.

אין קומינדיקן נומער וועלן מיר געבן א גינויען באריכט פון דעם מצב פון אונדזערע שולן אויפן נייען יאָר.

## רעארגאַניזירונג פון דער בנות־באַוועגונג

צוליב דער שווערער פינאנציעלער לאגע פון צ. ס. איז די ארביט לעצטנס שטארק אפגישוואכט. די ערשטע מעגלעכקייט, וואָס עס האט גיזאלט גיגעבן ווערן דעם צ. ס. צו זיין ארביט נאָכן קאנגרעס, איז ליידער נאך נישט רעאליזירט גיווארן. נאך גאָר א גרויסער צאָל ארגאניזאציעס האבן זייער חוב נישט דערפילט לגבי דעם קאנגרעס־שטייער. די לייטונג פון צ. ס. איז גיבליבן שרעקלעך אנטוישט פון דער באציאונג און דאָס האט גורם גיוועזן צו דער צייטווייליקער סטאגנאציע און שטילשווייגן.

צום ווינטער־זמן באמיט זיך אבער דער צ. ס. זיין טעטיקייט פארטצוזעצן און נישט גיקוקט אויף אלע שוועריקייטן שטרענגט זיך אָן די לייטונג פון צ. ס. צו ווערן אקטיוו און ארויסברענגין דעם מאקסימום פון ענערגיע, כדי די באוועגונג צו באלעבן און מחזק זיין אויף אלע גיביטן.

דער צ. ס. האט אָנהייב הייניטיקס יאָר פונאנדערגישיקט ספעציעל רעגיסטראציע מאטעריאל צו רעארגאניזירן אין יעדן ארט דעם סניף. די רעארגאניזירונג פון די בנות־סניפים איז פארבונדן מיט אַנ־איבער־רעגיסטראציע פון די חברות און דאָס איז דער ערשטער שריט פון אָנהייבן אַנ־אקטיווע טעטיקייט. פון א ריי שטעט זענין שוין אָנגיקומין ידיעות וועגן דער דורכגיפירטער רעגיסטראציע. דער עיקר ווערט נילייגט פיל אכט אויף אריינצוציען פרישע חברות. די נייע חברות רעקרוטירן זיך צומיינסט פון די תלמידות, וואָס האבן אקארשט גיענדיקט די בית־יעקב־קורסן.

דאָס אויפנעמין די קאדרין פון נייע חברות קומט פאר אין יעדן ארט דורך א ספעציעל פייערלעכן אָוונט מיט א באשטימט פראגראם.

דער חודש כסלו וועט פראקלאמירט ווערן אלס ווערביר־חודש פון חברות און באַזונדערס אלס ארגאניזיר־חודש פון נשי־אגודת־ישראל. צו דעם צוועק וועט צונויפגישטעלט ווערן ספעציעלע ארביט־פלענער, וועלכע וועלן ארויסגישיקט ווערן אין חודש כסלו, ווי ס'איז פארצוזעצן וועט די ארגאניזירונג פון נשא"י דורכגיפירט ווערן אין יעדן ארט מיט דערפאלג. עס דערשיינט אויך א ספעציעלע בראשור גיווידמיט דעם גידאנק און ארגאניזירונג פון נשי אגודת ישראל.

די ווערביר־קאמפאניע וועט אויך זיין פארבונדן מיט דער תרומת־חברה און תרומת־הברה־נכבדה־אקציע לויטן באשלוס פון בנות־קאנגרעס.

אלע ארגאניזאציעס זענין מחויב זיך תיכף צו שטעלן אין פארבינדונג מיט דער צענטראלע, וואָס נוגע די נייע ארביטן פון צ. ס.

## יובל־יאָר פון דער בית־יעקב־ליטעראטור

ווי באקאנט ווערט הייניטיקס יאָר צ"ה 15 יאָר זייט ס'האט אנגיהויבן דערשיינין דאָס בית־יעקב־זשורנאל. דאָס דערשיינין 15 יאָר פון אַנ־אגודיסטישער צייטשריפט און אזעלכע ווי ס'איז „בית־יעקב" איז א גרויסער יום־טוב פאר אונדזער גאנצער באוועגונג. ס'איז דערביי כדאי צו דערמאנין, אז בכלל איז „בית יעקב" די עלצטע אגודיסטישע צייטשריפט (א חוץ „איזראעליט").

פון אלע אגודיסטישע קרייזן ווערט דעריבער אָנגיוויזן אויף דעם חשיבות פון גיהעריק פייערן דעם דאזיקן יובל. די רעדאקציע „בית יעקב" וועט דעריבער גערן נאכקומין דעם פארלאנג פון די ברייטע מאסן פארערערע און פריינט פון דער בית־יעקב־ליטעראטור, און ס'ווערט גיפלאנט די חדשים טבת־שבט ווי גיהעריק אויסצונוצן אויף צו פייערן די וויכטיקע יובל־דאטע.

דער ערשטער שריט וועט זיין דאָס אָנהייבן ארויסגעבן פון חודש טבת אָן יעדן צווייטן פרייטיק די בית־יעקב־בלעטער. אין קומינדיקן נומער וועט שוין זיין פארעפנטלעכט א גינויער פראספעקט וועגן דערשיינין פון „בית יעקב" אלס צוויי־וואכן בלאט. באזונדערס ווערן צוגיגרייט א גאנצע ריי וויכטיקע שריפטן לכבוד דעם גרויסן יום־טוב וועגן וואָס עס וועלן נאך באזונדערס גימאלדן ווערן פרטים.

פון גאָר גרויסער באדייטונג איז די רעאליזירונג פון דער שוין לאנג גיפלאַנטער אויסשטעלונג פון דער בית־יעקב־באוועגונג מיט גאָר א ברייטן פראגראם. די יובל־פייערונגין וועלן זיך אָנהייבן מיט א גרויסער אקאדעמיע אין לאדזש מיט א ספעציעל צוגיגרייט פראגראם. אלע שוין דערהאלטענע באגריסונגין לכבוד דעם 15 יאָרגאנג פון בית־יעקב־זשורנאל פון די, וואָס וועלן נאך דערהאלטן ווערן, ווערן גידרוקט ווערן אין בית־יעקב־זשורנאל.

## ווענדונג צו אַלע זשורנאַליסטן אין דער וועלט!

היות ווי צוליב די ימים־טובים האבן מיר נישט גיהאט די מעגלעכקייט אָנצוהויבן די ארביט וועגן דעם וועלט־פארבאנד פון רעליגיעזע זשורנאליסטן, וועלכע איז גיגרינדעט גיווארן אין מארינבאד, ווענדן מיר זיך איצט, אז אלע רעליגיעזע זשורנאליסטן אין דער וועלט זיך אָנצושליסן אין אונדזער פארבאנד.

מיר האלטן פאַר איבריק באהרות אייך אויפצוקלערן די וויכטיקייט פון אזא פארבאנד, וועלכער קען האבן א קאלאסאלע באדייטונג פאר דער רעליגיעזער השפעה אין דער יידישער וועלט. איר דארפט אויך זעצן אונדז גלייך צו שיקן אדרעסן פון אייערע פריינט, וואָס וואלטן זיך פאראינטערעסירט אין אונדזער זאך.

ווען מיר וועלן באקומין אַנ־ענטפער פון אייך, וועט גישיקט ווערן א דעקלאראציע אויסצופולן און דאן א לעגיטימאציע־קארטע פון אונדזער פארבאנד.

גלייכצייטיק בעטן מיר אלע רעליגיעזע זשורנאליסטן אונדז צו שיקן ארטיקלין און יידישע נייעס פון זייער לאנד, וועלכעס וועט אויך איבערגיזעצט און גידרוקט ווערן אין אנדערע וועלט אייראפעאישע שפראכן. עס איז אויך גישאפן גיווארן ביי אונדז א קארעספאָנדענטן־ביוראָ, וואו אלע יידישע צייטונגין וועלן קענין באקומיז אויסקונפטן וועגן פאראינטערעסירטע קארעספאנדענטן פאר איר צייטונג.

די אדרעס איז: אלוועלטליכער רעליגיעזער זשורנאליסטן־פארבאנד, י. פּ. ב. לאנדאן 9, ווייטשעפל רוויד א. 1.

מיט די בעסטע וואונטשן:

ח. א. גודמאן

נ. ארדמאן (סעקר.)

## אונדזערע שול־ביכער

די גאנצע לערערשאפט פון „בית יעקב" ווייס אויסגיצייכנט וואָסערע ברכה ביים יידיש לימוד ס'זענין אין אונדזערע שולן די ביכער „יידיש לשון". א חוץ זייער הויכן פעדאגאגישן ניוואָ, איז באזונדערס דאָס מאטעריאל אין די דאזיקע ביכער צוגיקליבן ביז גאָר ספעציעל פאר די בית־יעקב־שולן. ווען מיר זעען ווי די קינדער פון די בית־יעקב־שולן לייענין אזוי זאפטיק און באטעמט און שרייבן אזוי ריין און קלאָר יידיש, ווייסן אלע, אז דאָס איז פיל צו פארדאנקין די ביכער „יידיש לשון".

אין דער לעצטער צייט זעט זיך אבער א נייע פלאג. אין א ריי שולן ווערט בכלל נישט גילערנט פון קיין ביכער, וואָסערע פאטאלע פאלגן דערפון קומט ארויס פאר דער שול, איז ווארשיינלעך. דאָס לערנין אָן ביכער פארוואנדלט די לעקציעס אין מעכאנישע נישט לעבעדיקע שמועסן באזונדער ווערט פארלוירן פיל צייט און מי.

די לערערנס אין יעדן ארט דארפן דעריבער זעען מיט אלע כוחות דאָס יעדעס קינד זאל האבן א ביכל.

פון באזונדערער באדייטונג איז דאָס נייע פארבעסערטע און פארשענערטע דריטער טייל „יידיש לשון". אין דעם דאזיקן בוך זענין אריינגיגעבן גיווארן א שפע פון נייע לייען־מאטעריאלן און פיל אזעלכע, וואָס מיט זייער אקטועלקייט פירן זיי אריין דאָס קינד אין הייניטיקן יידישן רעליגיעזן לעבן.

דער פארלאג „בית־יעקב" פארמעסט זיך צו געבן א גרויס לייען־בוך פאר די העכסטע קלאסן פון בית־יעקב און דער סינע יוגנט.

אין נאָנטן נומער וועלן מיר שוין קענין אָנגעבן פרטים, וואָס נוגע דעם דאזיקן נייען בוך פאר אונדזער יוגנט.

## נייע ביכער וועלכע דאַרפן פאַרשפרייט ווערן אין יעדן ארט!

### גלייכט אויס א וועג פון ד"ר נתן בירנבוים ז"ל

אין דעם דאזיקן בוך גיפינט זיך 7 מאמרים גרויסע און וואגיקע פון בארימטן יידישן דענקער. אלע מאמרים זענין אקטועלע און די ארויסגיזאגטע מיינונגין און גידאנקין פון מחבר זענין טיף־איינגנארטיק אויף זיין אופן. די מאמרים זענין גישריבן גיווארן דורכן מחבר אינים לעצטן יאָר פון זיין לעבן. פּרייז 1.25 גילדן.

### דער פאַטאַלער טעות פון הרב ש"ד לאַסקי

אין דעם דאזיקן חיבור טרעט ארויס דער באקאנטער גאון און וויסנשאפטלער הרב לאסקי קייגן דער קאפערניק־שיטה. דער מחבר באנוצט זיך מיט ריין וויסנשאפטליכע ארגומענטן. כדי צו אילוסטרירן די ארגומענטן פון הרב לאסקי גיט ער אינים חיבור א גרויסע צאָל אסטראנאמישע צייכנונגין. אין דער וויסנשאפטלעכער וועלט האט דער פאטאלער טעות גימאכט א שטארקן רושם.

פּרייז פונים בוך 2 גילדן.

### „מענטשן פון דור" פון א. שטייער

דאָס איז א בעלעטריסטיש בוך פון בעסטן זשאנר. אינים בוך גיפונין זיך העכער צוויי צענדליק דערציילונגין, לידער און פאעמים, אלע גישריבן אויף אקטועלע טעמים פון יידישן לעבן אין פוילן און ארץ־ישראל.

פּרייז פונים בוך 2.25 גילדן.

אויך זענין צו באקומין פאלגנדע ביכער און בראשונה:

### אַרום דער פרויען־קאנפערענץ אין מאַרינבאַד

ווי באקאנט איז אין דער זעלבער צייט פון דער כנסי' גדולה אויך פארגיקומין א וועלט־קאנפערענץ פון אגודיסטישע פרויען. אין דער קאנפערענץ האבן זיך באטייליקט אלס פארשטייער פון דער בנות־צענטראלע אין פוילן הרבנית לעווין – ריישע, פרוי ביעגון – קראקא, פרל. צילה נייגרישל–בילין, פרל. באטשע ווייסקאל–לאדזש און רבקה לעווין–לאדזש. אויף דער קאנפערענץ זענין באהאנדלט גיווארן א גאנצע ריי וויכטיקע פראגן פון יידישן פרויען־לעבן אין גלות ווי אין ארץ־ישראל.

עס זענין אָנגינומין גיווארן א ריי וויכטיקע באשלוסן און צו שאפן א וועלט־פארבאנד פון יידישע פרויען מיט א צענטראלע אין דער שפיץ, וועלכע גיפינט זיך אין אנטווערפן און ווערט אָנגיפירט פון פרוי ראטשילד.

צוליב דער שוין אפגילאפענער צייט און צוליב טעכנישע סבות זענין מיר נישט ביכולת צו געבן אַנ־אויספירלעכן באריכט. די לייענערס גיפינין אין הייניטיקן נומער אויף אַנ־אנדער ארט איינדרוקן פון דער קאנפערענץ.

## הרבנית חי'לע אַלטער ע"ה

אין חודש אלול פונים פארגאנגינים יאָר איז נאך א שווערער קראנקייט גישטארבן אין גער די גיטרייע בית־יעקב־טוערין, די גרויסע עסקנית און צדיקת הרבנית חי'לע אלטער ע"ה (די פרוי פון הרה"צ ר' משה בצלאל שליט"א).

די נפטרת איז גיוועזן פון די ערשטע בית־יעקב־פיאנערנס און פארשטענדיקסטע גיוויסנהאפטע טוערנס. אין דער ערשטער צייט ווען פרוי שענירער ע"ה איז נאך גיוועזן איינזאם אין איר ארביט, איז הרבנית אלטער גיוועזן פון די גיציילטע יידישע פרויען, וואָס האט ארויסגיוויזן די ב"י־זאך גרויס אינטערעס און ספּעציעל צוגיהאלפן פרוי שענירער ע"ה אין אויספירן אירע פלענער. הרבנית חי'לע אלטער האט גיגרינדעט די ב"י־שול אין איר וואוין־ארט און די גאנצע יאָרן גיזארגט פארן גורל פון דער ב"י־שול.

אויך צום גידאנק און באוועגונג פון „בנות" האט זי ארויסגיוויזן גרויסן אינטערעס און תמיד גיגעבן איר מיטהילף. זי האט זיך אויך באטייליקט אין דעם בנות־צוזאמינפאר אין ווארשע אין יאָר תרצ"א און צום לעצטן בנות־קאנגרעס האט זי צוגישיקט פון איר קראנקן־בעט א ווארימע טעלעגראמע און באדויערט דאָס נישט קענין אנטיילנעמין אין דעם גרויסן קידוש־השם־אקט.

אויף ווי ווייט זי האט ארויסגיוויזן פארשטענדיניש פאר דער איינציקער אגודיסטישער פרויען־טריבונע איז כדאי צו דערמאנין, אז במשך אלע יאָרן זינט ס'דערשיינט דער זשורנאל האט זי יאָריערלעך פאר ראש־השנה צוגישיקט איר אבאנאמענט פאר א גאנץ יאָר פריעראויס, און תמיד אויך ווערבירט אבאנענטן ביי באקאנטע.

בכלל איז הרבנית חי'לע אלטער גיוועזן פון די זעלטינע טיפן פון אלטן יידישן פרויען־דור, א גרויסע צדיקת און בעלת־מידות, אַנ־עסקנית פון ברייטן פארנעם און דערביי א זייער ערנסטע פארשטענדיקע פאר אלע אקטועלע פראבלעמין. איר פטירה איז א גרויסע אבידה פאר דער אגודיסטישער פרויען־באוועגונג.

תנצב"ה

## צו דער 300 יאָרצייט פון דער „גילדינער רויזע"

אויף אַנ־אנדער ארט אין הייניטיקן העפט ברענגין מיר א קיצור פון דער מאנאגראפיע פון דער בארימטער העלדישער יידישער פרוי די „גילדינע רויזע", צו איר 300 יעריקער יאָרצייט. די בנות־סניפים קענען אויסנוצן די דאזיקע גילעגנהייט און איינאָרדנין אומיטום אָוונטן לכבוד דער דאזיקער היסטארישער דאטע. דער פארלאג „בית־יעקב" ווילנדיק פאפולער מאכן די העלדישע מורשים פון דער דאזיקער מערקווירדיקער יידישער פרוי האט באשלאסן אָפּצוגעבן דאָס באקאנטע בוך פון ש. ראטשטיין „די העלדין פון געטא" וועגן דער „גילדינע רויזע" צו א פארביליקטן פרייז אנשטאט 5 זל. נאר 2.25. ביי 5 עקז. צום פרייז פון 1.50. אין דעם בוך „העלדין פון געטא" וואָס האלט 160 זייטן, ווערט גינוי דערציילט און גישילדערט אלע עטאפן און העלדישע מעשים פונים לעבן און קעמפן פון דער „גילדינער רויזע". דאָס בוך דערציילט בכלל פיל אינטערעסאנטיס וועגן לעבן פון יידן אין פארצייטישן פוילן מיט 300 יאָר צוריק.

## קינדער־גאָרטן

### 11 יאָרגאַנג

ס'איז דערשינין דאָס ערשטע העפט פונים „קינדער־גאָרטן" פון 11 יאָרגאנג. מיט דעם דאזיקן נומער הייבט זיך אָן דאָס נארמאלע דערשיינין פון קינדער־גאָרטן יעדן חודש אָן הפסקה.

די ב"י־לערערשאפט ווייס שוין פון יאָרן לאנג ווי ווייט נייטיק ס'איז דאָס דערשיינין פון „קינדער־גאָרטן" און וויפיל ברכה און פרייד עס ברענגט די קינדער דאָס דערשיינין פונים איינציקן קינדער־זשורנאל פאר די ב"י־תלמידות.

די ארויסגעבער פון קינדער־גאָרטן באמיען זיך מיט אלע כוחות יעצט צו פארגרעסערן און פארשענערן דעם קינדער־זשורנאל און ס'ליגט געגנזייטיק א חוב אויף דער ב"י־לערערשאפט אונטערצונעמין פון יעדער שול א ברייטע אקציע דעם קינדער־גאָרטן צו פארשפרייטן אזוי, דאָס קיין איין ב"י־קינד, וואָס קען נאָר לייענין יידיש זאל נישט פארפעלן צו האָבן דעם קינדער־גאָרטן.

## נייער אופן פון איינקאַסירן דעם באַטרעף פאַר די ב"י שריפטן

ווי באקאנט איז אויך איינס פון די הויפט־סבות פונים נישט־נארמאלן דערשיינין פון די ב"י־שריפטן, דאָס אנזאמלין זיך פון די חובות אין פיל ערטער. די אדמיניסטראציע פירט דעריבער איין א נייען אופן פון איינקאסירן דעם באטרעף. די וואָס וועלן נישט במשך צוויי וואכן נאָכן דערהאלטן פון א שיקונג דערלעדיקן זייער חוב, וועלן אויפגיפאדערט ווערן דורך א פאסט־איינקאסענט צו באצאלן. ווען דער חוב וועט דאן נישט באצאלט ווערן, וועט אויטאמאטיש אויסגישלאסן ווערן דער קרעדיט אויף להבא.

גלייכצייטיק מאכט אויפמערקזאם די אדמיניסטראציע אז ביי ווייניקער ווי 5 עקז. ב"י אדער 10 עקז. ק"ג, ווערט אין קיין שום ארט נישט גישיקט אויף קרעדיט. די באשטעלונג ווערט נאָר גישיקט אין אזא פאל, ווען ס'ווערט גלייכצייטיק גישיקט דעם באטרעף.

לידידי היקר הרה"ג וכו' וכו' כש"ת מהור"ר **יהושע בוימעל** שליט"א
אבד"ק קראשציענקא, מתלמידיו הראשונים של הגאון מהר"ם שפירא
זצ"ל ברכת מזל־טוב חמה ונלבבה לאירושיו את מרת **חנה שפירא**
בת הרה"ג אבדק"ק אפאטשנא ז"ל.

ידידו **א"ג פרידנזון**

ברכת מז"ט לבבית אני מגיש לידידי הרה"ג ר' **יהושע בוימעל**
שליט"א לאירושיו. יהי צעדו הראשון ברוך ומאושר.

לודז **משה פרידנזון**

א ברכהפולן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ח. לערערין **טאבע האפמאן** (מאגיעלניץ) צו איר חתונה מיט ה' **חיים צאלקא** (גער). זאל אייער צוזאמינבונד מיט הימליש גליק באגלייט ווערן, און אייער נייער וועג אין לעבן זאל באלויכטן ווערן מיט די שטראלן פון אונדזער הייליקן אידעאל.

לער. שיטקא

גער **בנות אגודת ישראל**

צו דער חתונה פון אונדזער ל. לערערין **טאבע האפמאן** (מאגיעלניץ) מיט ה' **חיים צאלקא** ווינטשן מיר, אז אייער מזל זאל לייכטן כשמש בצהרים.

**בתי' פירערשאפט**

בתי': השמש, צלפחד, חבצלת, שושנה, אהבה, שלמיה.

גער

בברכת מז"ט אנחנו מבורכת את מורתנו היקרה מרת **טויבה הופמן** לנשואי' עם מר **חיים צלקה** (גור). תהי דרכם בחיים החדשה רפודה בשושנה ועתידם מאושר ומבורך.

גור **אחיות רוזנבוים**

שוין דערשינין דאָס לידער־ביכל פון
**יוסף שענקער**
א. נ. „שאָטנס אין וועג" – פרייז 40 גר.
צו באקומין: Bajs-Jakow, Łódź,
Kilińskiego 44
Konto rozrachunkowe kartoteka 15
אדער ביים מחבר:
Josef Szenkier, Serock, n/Narwię

Łódź
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] 7
[illegible] 6/3

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

BAJS JAKOW ŁÓDŹ, październik 1937 r.

Adres Redakcji: „BAJS JAKOW“ Łódź, Kilińskiego 44. TELEFON 109-77. P. K.

א ברכהפולן מזל־טוב און א גליקלעכן עתיד ווינשן מיר פרל. **פייגל פערל פאבריקאנט** צו איר חתונה מיט ה׳ **אלחנן יוסף פאברי־קאנט** (יאנוב־לוב.) ; פרל. **זיסל פינקעלשטיין** צו איר חתונה מיט ה׳ **יחיאל מיכל איבנבוים** (ירושלים) און פרל. **ציפה לעשינסקא** צו איר תנאים מיט ה׳ **י. מ. שטאקהאמער** (כפר־עטא—א״י) — זאל זייער בייער וועג אין לעבן באגלייט ווערן מאוצר הברכות.

**צענטראלע בנות אגודת ישראל**
**אין פוילן**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינשן מיר אונדזער אידעען־שוועסטער **אסתר רבקה איינשטיין** צו איר תנאים־שרייבן מיט ה׳ **מנחם מענדל זלא־טשעווסקי** (לאדזש). זייט זוכה צו בויען אייער עתיד אין גייסט פון אונדזער הייליקן תורה־אידעאל.

דיינע טרייע אידעען־שוועסטערן
**אסתר צפורה ווינער, לאה שייקע**
לאדזש **אלטע נעמי שייבמאן.**

---

א הארציקן מזל־טוב און א גליקלעכן עתיד ווינשט איך מיין ח. גיוועזינער לערערן פרל. **חי׳ שרה וואלקאוויטש** (זעלעוו) צו איר תנאים מיטן השובן ה׳ **יצחק מאיר יוסטמאן** (ווין). זאל זי זוכה זיין צו בויען איר צוקונפט אויף די בערג פון יהודה.

אייער געוו. שילערן
**שפרה רבקה יאכלאוויטש**
זעלעוו. **און בנות אגודת ישראל**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ח. און איבערגיגעבינער חברה **חי׳ זינגער** (בלאשקי) צו איר חתונה מיט ה׳ **מ. צעדערבוים** (פאביא־ניץ). זאל אייער עתיד באשטראלט זיין מיט ג—טלעכע ברכה און שטענדיקער צופרידנהייט.

**בנות אגודת ישראל**
בלאשקי **לערערן שרה מערזער**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזערע חברות:
**חוה זעלמאן** (סקיערניעוויץ) מיט ה׳ **משה פלאם** (ראווע) און **ציפה לעשינסקא** מיט ה׳ **יהושע משה שטאקהאמער** (כפר־עטא). איר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער צוקונפט אין אנ־אויס־גילייזט ארץ־ישראל.

**לערערן זעליצקא,**
סקיערניעוויץ **בנות אגודת ישראל**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר דיר **ריווטשע ווייסבלום** צו דיין תנאים מיט ה׳ **בארנשטיין.**

דיינע שוועסטערן
**אסתר, גיטל און שרה ווייסבלום.**
סטאפניץ.

---

א הארציקן מזל־טוב און א גליקלעכע צוקונפט ווינטשן מיר אונדזערע ליבע חברות צו זייערע תנאימס: פרל. **פייגע פאפיער** מיט ה׳ **א. י. פיינשמידט** (לענטשנע) און פרל. **מאלי אסעלקא** מיט ה׳ **ב. וויינריב** (יאנוב־לוב.). גליק און צופרידנהייט זאל אייער לעבנס־וועג תמיד באגלייטן.

**בנות אגודת ישראל,**
כעלם. **לער. מנוחה פינעס**

---

א הארציקן און ברכהפולן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ליבן זון און ברודער **אפרים וואקשאל** (בילגאריי) צו זיין חתונה מיט פרל. **שרה הארוויץ** (קרעשיוו). זאל דער אלמעכטיקער אייער צוקונפט מיט שטענדיקע צופרידנהייט און הימלישע ברכות בענטשן.

**עלטערן, ברודער, שוועסטער**
בילגאריי **און שוועגערן**

---

א אויפריכטיקן און הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ל. חברה **בריינדל ראזנוואסער** צו איר תנאים מיט ה׳ **מאמעס** פון נעפאלאמיץ — זאל אייער נייער וועג אין לעבן מיט רייזן באצירט זיין.

**בנות אגודת ישראל,**
גארליץ. **לערערן רחל גיווירץ**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער ל. און גישעצטע בנות׳חברה **מלכה גרינבוים** צו איר תנאים מיט ה׳ **משה קערשענבוים** (ראדאמסק). זאל איר ערשטער לעבנס־שריט באצירט ווערן מיט בלומען פון גליק און צופרידנהייט, און זי זאל זוכה זיין ווייטער צו ארביטן פאר אונדזער ארגאניזאציע.

**לערערן רייזל רעדליך**
קאנסטאנטין. **בנות אגודת ישראל**

---

א גוט און גליקלעך יאר ווינטש איך אונדזערע אומדערמידלעכע קעמפערנס און קעמפערס פאר אונדזער אידעאל דעם **בית־יעקב־סעמינאר** אין קראקא, דער **בנות־צענטראלע לאדזש,** ווי אויך אייך **אלע בנות־אפטיילונגן** און ליבלעכע בתי׳ שוועסטערלעך אייער
ווארשע **דינה קלאשער**

---

א שנת אושר והצלחה וישועה ווינטש איך דער
**פאמיליע גרוכער** (ווארשע)
ווארשע אייער **דינציע און פאמיליע**

---

א הארציקן יישר־כוח דריקן מיר אויס אונדזער שיכט־פירערן **רבקה הארוויץ** פאר איר איבער־גיגעבינע ארביט אויף דער קאלאניע און א גליק־לעך גיבענטשט יאר.

**דער צווייטער שיכט**
קראקע **פון בנות אגודת ישראל**

---

צו דער חתונה פון אונדזער ל. חברה פרל. **שרה הארוויץ** מיט ה׳ **אפרים וואקשאל** ווינטשן מיר א הארציקן מזל־טוב. השי״ת זאל באגליקן אייער עתיד און אייער מזל זאל לייכטן כשמש בצהרים. אויך זייערע עלטערן ווינטשן מיר זיי זאלן דערלעבן פון זיי פיל נחת ויראו דור ישרים יבורך.

בילגאריי **בנות אגודת ישראל,**
**לער. שיינה שטערן** און **גיטל וואגנער**

---

א גליקלעך גוט יאר ווינטש איך מיין ז. ח. לערערן פרל. **שרה קרייטנער.** איך ווינטש איר גרויס דערפאלג אין איר בלב ונפש איבערגיגעבינער ארביט פאר ב״י און בא״י.

איר תמיד גיטרייע שילערן
זעלעוו. **שפרה רבקה יאכלאוויטש.**

---

אלומות מז״ט ברכות אנו מביעות למורתנו וחברתנו האהובה מרת **גיטל וואגנער** עם החתן **מנחם מענדל איידלמן** (טורבין) לאירושיהם. יהא רעוא שזיווגם יעלה מעלה מעלה ושתזכו לבנות עתידכם על הרי ציון וירושלים ברוח ישראל סבא.

**המורה ש. שטרן**
בילגוריי **בנות אגודת ישראל.**

---

ברכה מז״ט חמה ולבבית אנו מברכות למורתנו הנכבדה מרת **גיטל וואגנער** לאירושה עם **מנחם מענדל איידלמן** (טורבין). יהי רצון שיהא למזל ולהצלחה ודרכך תהא סוגה בשושנים, והוריך ירווו מכם רוב נחת.

**המורה ש. שטרן**
בילגוריי **תלמידות בית־יעקב**

---

א גליקלעך גוט יאר און ווייטערן דערפאלג אין דער גייסטיקער ארביט אונדזער ליבסטער לערערן **י. געלבלום** ווינטשט

**בנות אגודת ישראל**
ראדאם **בית־יעקב**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטש איך מיין קוזינע **צירל הערשבערג** צו איר חתונה מיט ה׳ **יוסף מנחם קנאבלעוויטש** (זד. וואלע). אייער מזל זאל שיינען כשמש בצהרים.

לאדזש **פאיע הערשבערג**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזערע חשובע חברות צו זייערע תנאים **חנה חי׳ יארמארק** מיט ה׳ **אברהם טורנער** און **גיטל וואקסמאן** מיט ה׳ **אברהם שעללער.**

**לער. פר. אייבעשיץ**
יאנארזנע. **בנות אגודת ישראל**

---

די אויפריכטיקסטע וואונטשן און הארציקסטע מז״ט ברכות גיבן מיר איבער אונדזערע ח. חברות צו זייער תנאים: **א. ג. שעראדזקא** מיט ה׳ **נ. שאכטעל** (קאליש), **צ. בערקענוואלד** מיט ה׳ **ג. הערצבערג** (דווארט), **ליבע ערזאן** מיט ה׳ **י. בוזין** (לאדזש). זאל אייער בונד זיין א מזל־דיקער און ברכהפולער.

**בנות אגודת ישראל,**
דווארט. **לערערן ר. בארנשטיין**

---

א הארציקן מזל־טוב אונדזערע טרייע איבערגיגע־בינע הברות און פארוו.־מיטגלידערנס **רייזל לעווי** צו איר חתונה מיט ה׳ **לעווקאוויטש** (וויערושאוו) און **שרה דזיאלאווסקא** צו איר תנאים מיט ה׳ **בעסער** (וויעלון). גליק און צופרידנהייט זאל אייך תמיד באגלייטן.

**ל. פרוי ברוין**
**בנות אגודת ישראל**
וויערושאוו **בנות־פארוואלטונג**

---

א ברכהפולן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזערע חברות:
**נאכע אבראמאוויטש** (זד. וואלא) מיט ה׳ **קוטנער** (זד. וואלא); **פעסא פריימאן** (זד. וואלא) מיט ה׳ **קארזעץ** (זד. וואלא) צו זייערע תנאים; **ריבטשע לוריע** מיט ה׳ **קופערוואסער** (לאדזש) און **סערקע גראנאס** (זד. וואלא) מיט ה׳ **גראנאס** (לאדזש) צו זייער חתונה. איר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער צוקונפט אין גייסט פון תורה ומסורה.

**בנות אגודת ישראל,**
ד. וואלא **לער. ה. זיסקינד**

---

די בעסטע וואונטשן צום נייעם יאר גיבן מיר איבער אונדזער ל. לערערן און פירערן פרל. **רייזל רעדליך.** זי זאל זוכה זיין צו פארווירקלעכן אונדזערע אידעאלן אין הייליקן לאנד.

**צעירות בנות אגודת ישראל**
**און אלע בית־יעקב־שילערנס**
קאנסטאנטין.

---

פון טיפן הארצן ווינטשן מיר א גוט גיבענטשט יאר אונדזער ל. לערערן פרל. **רייזל רעדליך** (טורעק). איר ארביט פאר אונדזער אידעאל זאל איר באַ־שטיין אין לעבן, אויך אלע אונדזערע פריינט ווינטשן מיר א גוט גליקלעך יאר.

קאנסטאנטין. **בנות אגודת ישראל**

---

א הארציקן מזל־טוב ווינטשן מיר אונדזער איבער־גיגעבינע אקטיווע חברות: **רייזל לעווי** צו איר תתונה מיט ה׳ **לעווקאוויטש** (וויערושאוו) און **שרה דזיאלאווסקא** צו איר תנאים מיט ה׳ **בעסער** (וויעלון). השי״ת זאל באצירן אייער וועג אין לעבן מיט די בלומין פון אונדזער תורה קראנץ.

**רייזל לעווענהאף**
וויערושאוו **ליבא יאסקאוויטש**

Red. odp. Luzer Gerszon Frydenzon
Nakł. Centr. (B.A.I.) Agudas Israel w Polsce.
Składano w zecerni I. Harcsztarka, Wólczańska 15. Druk. I. Landau w Łodzi